Heb. g. 218
Linetski

די

# בלוטיגע נקמה

אדער

# יאקאוו טיראדא

א העכסט־אינטערעסאנטער היסטארישער ראמאן פון
דער צווייטע אינקוויזיציאן געשעהן אין דער צייט פון
פיליפס מלך שפאניען.

אין געזויבערטע יודישען זשארגאן פון **י. י. ליניעצקי.**

(מחבר פינם פוילישן יונגעל, און פיעל אנדערע ספרים)

הזכות נמכר לצמיתות לר׳ יוסף חיים שוכטמאן באדעססא

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

## חלק ראשון

## ווארשא

---

**Ди Блутиге Нкомо**

или Тирада Историческій романъ временъ Филиппа II

Обработалъ изъ Нѣмецкаго

П. О. Линецкій (Линицеръ)

Варшава

דיא

# בלוטיגע נקמה

אדער

## יאקאוו טיראדא

א הערכסט־אינטערעסאנטער היסטארישער ראמאן פון דער צווייטע אינקוויזיאן געשעהן אין דער צייט פון פיהליפ מלך שפאניען.

אין געזויבערטען יודישען זשארגאן פון י. י. ליניעצקי.

(מחבר פונם פוילישען יונגעל, און פיעל אנדערע ספרים)

הזכות נמכר לצמיתות לר׳ יוסף חיים שוכמאן באדעססא

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

חלק ראשון

װארשא

---

**Ди Блутиге Нкомо**

**или Тирада Историческій романъ временъ Филиппа II**

**Обработалъ изъ Нѣмецкаго**

**И. О. *Линецкій* (Линицеръ)**

**Варшава**

Изданіе Іосифа Х. Шухмана.

Варшава. Въ типографіи А. Гинса. Новозельная № 47.

1

# דער דוואַרעץ בעלוועדער

אין דעם אומגעגענד פון דער טירקישער רעזידענץ שטאט. אויף אבארג צווישען דעם שווארצען ים פון איין זייט אויף א שיינעם לאנדשאפט אום פרוכט ביימער און בלומען גערטנער פון דער אנדערער זייט. איז געשטאנען א גרויסער שיינער פראכטפאלער דוואַרעץ. מיט דעם נאמען דער בעלוועדערער דוואַרעץ" דער דוואַרעץ איז שטענדיג געוועהן בעליבט פון די הונדערטער געסט. וואס פלעגן זיך אין איהם איבער ווארפען א טאג פון די גרעסטע און פארנעהמסטע קייזערליכע פערזאנען און וועלטבערידהמטע מענשען אין יעדען ווינקעל האט געקאכט. געדרודערט און געראוישט פון די קארעטען און פייטאנען. וואס האבין אלע ווייל געבראכט און אפגעפיהרט די גרויסארטיגע געסט. און מע האט נאר געזעהן שווייצארען אין זייערע גאלדגעשטיקטע ליוורייען לויפען ארום די טייערע געסט. וואס קומען אלץ בעזוכען דעם ווירט פון דעם רייכען דוואַרעץ. אזוי פלעג זיך אלץ רידערען כמעט די גאנצע וואך. נאר היינטיגער טאג. אין וועלכען אונזער געשיכטע קומט פאר איז גראדע שטיל און רוהיג דארט. ווייל דער טאג איז געוועהן שבת. און דער ווירט פונם דוואַרעץ איז א פראמער פאטריארכאלישער און רעליגיעזישער יוד. דאן יאזעף הנשיא. הערצאג פאן נאקסא.

פיל גרויסע קייזערליכע מענער פון יודען. האבין מיר שוין אין דער היסטאריע בעגעגענט. נאר צוא אזא הויכער שטופע וויא אונזער דאן יאזעף הנשיא איז נאך קיין איינציגער יוד אין דער וועלט ניט געקומען. ניט פאר איהם און ניט נאך איהם. דאן יאזעף הנשיא איז געוועהן פון די גרעסטע פאמיליען אין פארטוגאל. און צו דער צייט. ווען מע האט יודען ארויס געטריבען פון שפאניען און פארטוגאל. איז דאן יאזעף מיט זיינער א מומע. דאננא גראציא. אוועק מיט איין אונגעהייער פערמעגען קיין אנטווערפען, אין בעלגיען. נאר דארט האט ער קיין סך ניט געוואהנט און איז געקומען אהער קיין סטאמבול. דעמאלט האט דער טערקישער סולטאן. סאליימאן דער גרויסער. געעפענט זיין לאנד פאר די יודישע עמיגראנטען און האט זייא מיט ליבע אויפגענומען אונטער זיין שוטץ. און דאריבער איז אונזער דאן יאזעף אהין געקומען. אום ער זאל זיך קאנען רוהיג פאר ברענגען זיינע יאהרען אין תורה און אין חכמה און מיט וואס נאר מעגליך צו העלפען זיינע אונגליקליכע ברודער. נאר דאן יאזעף האט דורך זיין גרויסער בילדונג און עדלען כאראקטער גרויס חן בעקומען ביים סולטאן סאליימאן און ער איז ביי איהם געווארען א מיניסטער און פליגעל אדיוטאנט און נאך סאליימאנ'ס טויט. אז זיין זוהן סעלים איז ארויף אויפען טראהן. האט זיך דאן יאזעף אזוי ווייט געליבט ביים יונגען קייסער. ביז ער האט איהם בעשיינקט מיטען טיטעל הערצאג איבער דעם גריכישען אינזעל נאקסאס מיט נאך גריכישע קליינע אינזעלען. וועלכע זיינען דעמאלט אונטערווארפען געוועהן דער טערקישער רעגירונג. אזוי. אז דאן יאזעף הנשיא איז איין פאלמעכטיגער הערשער איבער די אינזלען



Дозволено Цензурою.
Варшава, 12 іюля 1905 года.

חוץ וואס דער כולטאן סעלים האט איהם פילע שטעדט און דערפער געשייגקט אלס אייגענם. און פון דעמאלט אן האט זיך דאן יאזעף בעזעצט אין דעם דוואריעץ בעלוועדער. וואס אין דער אומגעגענד פון סטאמבול. און האט זיך געמאכט צום סדר. אז דיא גאנצע וואך זאל ער זיך בעשעפטיגען מיט פאליטיקא און עקאנאמיא. און דעם שבת'דיגען טאג זאל ער זיך אפגעבען מיט תורה און תפלה מיט דיא חכמים און לומדים. וואס זיינען שטענדיג געזעסען בייא זיין טיש. נאר איבער רעליגיע און איבער יודישע אונטערעסען. און אזוי וואס דאן יאזעף איז אלס גרעסער אונמאכטיגער געווארען. איז ער אלץ מעהר פרומער און מעהר יודישער הייסער פאטריאט געווארין און אלע קייזערליכע פערזאנען און דיא קאנסולאטען פון אלע אנדערע קיניגרייכען האבען שוין געוויסט אז שבת נעמט ער ניט אויף פאר קיין פאל. אויף דעם שבת איז בייא איהם גראדע געוועהן דער בעריהמטער חכם פון סאלאניק. רבי משה אלמושנין דער גרויסער חכם איז געקומען בעטען דעם כולטאן. ער זאל בעשטעטיגען דעם אוסטאוו וואס אלע יודישע געמיינדען אין טירקייא האבען געגרינדעט צום צוועק חברים כל ישראל בטירקיי. און איז געוועהן געוועהנליך געלאדען צו דאן יאזעף הנשיא אויף שבת. צו דער מינוט וואס אונזער געשיכטע געהט פאר. טרעפען מיר דאן יאזעף אין זיין ביבליאטעק. פאר מיטאג זיטצען און שפרעכען מיט זיין ליבען גאסט ר' משה אלמושנין.

דוא ווייסט מיין ליבער אלמושנין. האט דאן יאזעף געזאגט. אז פילע חכמים און פאטריאטען פון דיא שפאניער און פארטוגאלער יודען קומען אפט אהער צו אונז וועגען יודישע אונטערעסען צו בעשפרעכען. נאר אויף היינטיגען שבת איז איינער פון דארט גיקומען צו מיר. אויך וועגען אזא ענין. זאג איך דיר אלמושנין. אז ער איז איין אויסנאהם פון אלע. א יונגער מענטש מיט פראקטיקא מיט ענערגי און מיט כוחה פון איין אלטען אפיטגע מענטשען. נאר זיין געשפרעך און זיינע געדאנקען זיינען עפים אזוי הויך. אזוי שפיציג אזוי טיף. אז איך קאן אויף קיין פאל ניט ארויס פיהרען פון זיי א קלאהרע מיינונג איבער זיין כאראקטער. און אזוי וויא איך האב איהם בעשטימט א אודיענץ אויף היינט מיטאג. לכן בעט איך דיך ליבער אלמושנין דוא זאלסט זיך אויך גוט צוהערען צו דעם יונגען מאן און צו זאמען זאלען מיר איהם קאנענלערנען און בעשליסען אונזער ריכטיגע מיינונג איבער איהם מיט זיין פלאן.

אזוי רעדענדיג האט א שווייצאר גיעפענט דיא טיר און אין צימער איז אריין געגאנגען א הויכער שיינער יונגער מאן מיט 2 פייערבליצענדע שווארצע און פאלטראווועריגע אויגען. און זעהער איין עדעל ערליכעס געזיכט וואס צייגט אויף דער חכמה און אויפען העלדעשין כאראקטער פון דעם יונגען מאן. אריינקומענדיג אויף דער טיר האט ער זיך תהכת וויא א חאפ געטוהן צוריק. נאר דאן יאזעף האט פערשטאנען אז דער יונגער מאן ששנירט זיך פארין גאסט. און האט איהם מיט אפריינדליכער מינע א זאג געטוהן. ווילקאמען ליבער מענטש! נעם פלאטץ מיט אונז. דאס איז דער סאלאניקער חכם. אונזערע איין אלטער אונפארטרויטער מענטש דוא קאנסט גאנץ זיכער פאר איהם שפרעכען מיט מיר איבער דיין פלאן! אויף דיא רייד איז דער יונגער מאן פעסט צוגעטרעטין צום טיש. האט זיך זעהער האפליך געגריסט מיטען ווירט און מיטען גאסט. און האט פלאטץ גענומען אויף דער שטול. וואס דאן יאזעף האט איהם אנגעוויזען. נאך איינע מינוט שווייגען האט זיך דער חכם געווענדעט צום יונגען מאן מיט דיא ווערטער.

וואס מאכען דארט אונזערע ברודער בייא אייך אין אייער פאטערלאנד. איך בין





אויך א דארטיגער. איך בין פון דארט אוועק נאך בימי הקיסר פערדינאנד און האב נאך עד היום איניגע קרובים דארט. אונזערע ברודער אין שפאניען פארטוגאליען האט דער יונגער מאן גיענפערט געהט עס זעהער שלים. איבער הויפט זייט דער פאנאטישער. טיראנישער קעניג פיליפ דער צווייטער איז אויפען טראהן ארויף. האט זיך אונטער זיין שוטץ דיא אינקוויזיציאן נאך מעהר פארשטערקט אין לאנד. אזויא אז אפילו דיא געבוירענע פראמע קריסטען. זיינען צוא יעדער מינוט אונטערווארפען טויזענדטער מיתות משונות. ווייל דיא אינקוויזיטארען. אונטער דער מאסקע פון יראת שמים. זוכען אלערלייא בלבולים אויף דיא רייכע קריסטען. אביא זייער פערמעגען אפורשה'נען זיך! יעצט קאן מען שוין פערשטעהען וויא שרעקליך דיא יודישע קריסטען געהט עס דארט. אז ס'איז כמעט שוין ניטא איינער פון דיא רייכע אנגעזעהענע אנוסים וואס זאל שוין ביז יעצט ניט זיין פארברענט אדער וואס זאל זיך ניט מארטירען אין א אונקוויזיטישער העל און מיט געברוינטע ליידען ערווארטען היינט. מארגען דעם טויט פאן זיינע אומזיסטיגע בלוטזויגער. א שרעקט מיט מיינע ברודער. שרעקט ביז אין עק.

א גרויסער גאט האט דער חכם אויס געשריגען. נא און וויא האלטען דיא מארטירטע אנוסים אין זייער אמונה? דיא מארטירטע זיינען אלע מיט מיר אין איין עצה האט דער יונגער מאן גיענטפערט. זייא האלטען זיך פעסט אין אונזער הייליגען גלויבען. און האפען צו גאט. אז פיליפ זאל אין גיכען א מפלה האבען.

אך וויא זיס דיא האפנונג איז. האט זיך דער הערצאג אנגערופען. אלוואי מיר זאלען שוין דער לעבען דאס מיט אונזערע אויגען צו זעהען. נאר ניט אזוי גיך וועט דאס קומען. פיליפ איז יעצט דער איינציג מעכטיגער אונטער אלע איראפייעשע קעניגען אי מיט מענטשען אי מיט געלט און אפילו אין אמעריקא איז ער אויך שטארקער פון אלע נא ווער קאן זיך פרוצים שטעלען געגען אזא לייב?

דאס איינציגע קעניגרייך. נידערלאנד. האט דער יונגער מאן געזאגט פון דארט האף איך זיין מפלה.

נא זאגט דער הערצאג. דיא צייט וועט שוין ווייזען איהרעס. נאר זאג מיר. ליבער יונגער מענטש. צו וואס ברויכען עס גאר אונזער אונגליקליכע ברודער דיא ווייטע האפנונג. וואס געהט זייא גאר אן דיא מפלה פון פיליפ'ן און דיא הצלחה פון נידערלאנד? נאך מיין מיינונג. קאם ווילען זייא נאר פארלאזען זייער טיראנעש פאטער לאנד. ברויכען זייא נאר זיך צו זעהען מיט אלע מעגליכקייט ארויס צו ראטעווען פון דארט. און דאן איז דיא ליבע טירקישע רעגירונג גאנץ אפען פאר זייא.

ערלויבען זיא הערצאג. זאגט דער יונגער מאן דיא עדלע יודען אין שפאניען. פארטוגאליען קאנען ניט פארגעסען דאס זידיגע פארגעסינע בלוט פון זייערע אונשולדיגע געברענטע געהאנגענע און געשטאכענע פאטער ברודער און קרובים. זייא קאנען אנטלויפען נאר ניט דאס איז זייער צוועק. נקמה ווילען מיר אין אונזער טיראנישע בלוטצאפער. נקמה מיט זיך אליין. מיר אליין מוזען העלפען צו זייער מפלה.

דאן יאזעף האט א ווינק געטוהן אויפען חכם. ער זאל זיך גוט אנהערען איגעם יונגענמאנס רייד. און אליין האט ער א פרעג געטוהן דעם יונגען מאן. זאג זשע מיין ליבער יונגער מענטש מיט וואס קאנט איהר דאס געהויפטען.

דיא פראגע איז טאקע דיא הויפט. האט ער גיענטפערט און וועגען דער פראגע בין איך אלס פארשטעהער פון מיין פארטייא געקומען זיך מיט אייער מאיסטעט איין עצה האלטען. איהר ווייסט דאך אז דיא מוסולמאנער אין שפאניען ליידען אויך פון

דער אינקוויזיציאן גלייך מיט אונז. אלזא וועמען נאך פאכט אזוי זיך אנצונעמען פאר זייא. וויא דעם גרויסען סולטאן סעלים. אונ קאם וועט דער סולטאן ערקלערען קריג פיליפ'ן. דאן וועט איהם שוין דער קאפ ניט זיין ביי נידערלאנד. אונ דעמאלט וועט איהם נידערלאנד געוויס דעם עק דערגעהן.

נוא אונ מיט וועלכען קאנט איהר דא בעהילפיג זיין דער נידערלאנדישער רעגירונג פון אייער זייט.

מיט לעבען אונ געלט. האט דער יונגערמאן גיענטפערט. דיא טויט שרעקען פון דער אינקוויזיציאן האט מיך שוין גענוג אויס גילערענט א בעלן צו זיין אויף מסירות הנפש. דער צוא האט מיך דיא נאטור בעשענקט מיט א היבשען דיפלאמאטישען גייסט אונ געלט האבין מיר אויך כחול הים. יא מיט אללעם אונ מיט זיך צפפערען מיר פאר דער זיסער היילגער נקמה אונ דער אלמעכטיגער גאט וועט אונז געוויס אין אונזערע נויטען שטעהען.

נא אונ דיא נידערלאנדער האבען דען ניט פיינד א יודען. וויא א קאטאליק דארף צו זיין? נא וועלען זייא אייך דען צו רוה לאזען אין זייער לאנד?

איך ווייס דאס. הערצאג נאר איך מיין. אז מיר וועלען זיך מקריב זיין מיט לייב אונ לעבען פאר זייער פרייהייט. וועלען זיי געוויס ניט פארגעסען אונז דיא טובה אייביג. דער אראניער פרינץ. וואס איז יעצט דער פארשטעהער פון דיא נידערלאנדישע רעוואלוציאנען. איז א העכסט געבילדעטער מאן. אונ ווייכט ניט קיין אונטערשייד אין גלויבען אונ רעליגיאן. אונ איהם וועט דאס נאך פרייען. אז יודעש רייכטהום פעיגקייט אונ האנדעלס גייסט וועט בעלעבען זיין לאנד. אונ דאס פאלק אליין. וויא פאנאטיש זייא זענען דאך אז זייא וועלען זיך בעפרייען פינעם טיראנישען פיליפ'ן מיט זיינע אינקוויזיטארען. וועלען זייא אויך גאר איין אנדער מיינונג בעקומען איבער אזא רייך לעבעדיג פאלק וויא יודען.

דוא האסט פארטרעפליכע ידיעות. האט דאן יאזעף געזאגט. נאר דאס איז אלץ נביאות אויף אמאהל. אונ דער אמאל איז נאך גאנץ ווייט. פאלג מיך ליבער יונגער מענטש. איך לאז אפ דיא ווייטע האפנונג. פאר געסט אין נקמה אונ קומט אלע אהער קיין סטאמבול וואונען וועט איהר געוויס בעסער מאכען וויא מיט אייער פאנטאזיע.

פערציהען זיא מיר הערצאג. איך בין גאנץ ווייט פון אייער מיינונג. איך אליין בין שוין פעראורטהיילט געוועהן פון דער אינקוויזיציאן צום פאר ברענען. נאר א טאג דער פאר בין איך דורך א פרויא געראטעטט געווארען אונ בין אנטלאפען פון שפאניען אונ צוא דער מינוט האב איך מיר א שבועה געגעבען. איך זאל מיין געשענקט לעבען אפפערין פאר דער נקמה אין דיא יודישע מענטשען פרעסער. דיא שבועה בלייבט מיר תמיד היילג. עס מאכט מיר ניט אויס וואס דער פלאן איז ווייט. איך אפפער מיך פאר א פאלק. אונ אין דער היסטאריע פון א פאלק איז א יאהר הונדערט נאר איין טאג. איין מינוט פאר מיין טויט לאז איך זעהען א שיין פיר מיין אונגליקליך פאלק מעהר דארף איך ניט נקמה וויל איך נקמה ווילען מיר אלען. דער הערצאג האט זיך פון זיין שטול אויפגעהויבען מיט דיא ווערטער. יעצט מיין ליבער טיראדא (אזוי האט דער יונגער מאן געהייסען; יאקאוו טיראדא) פערשטעהען מיר דיך. צום ווידער זעהען. ביים מיטאג וועלען מיר ווידער בעשפרעכען דיין פלאן. צום ווידער זעהען. טיראדא איז אוועק געגאנגען. אונ דאן יאזעף האט זיך געווענדעט צום חכם מיט דיא ווערטער. נא מיין טייערער אלמושאנין. וויא אזוי איז דיין מיינונג איבער דעם יונגען מאן.





דאס איז ניט קיין געוועהנליכער מענטש האט דער חכם געזאגט. אין אזעלכע הויכע נאטורען נייטיגט זיך דאס פאלק.

איך מיין אויך אזוי; האט דער הערצאג צו געשטימט. קאם שטרעבט ער צוא הויך אונ גרויס. איז ער מן הכתם געשאפען צו הויך אונ גרויס. יא איך וועל איבער לייגען זיין פלאן אונ וועל איהם מיט העלפען מיט אלעם מיגליכעם.

זונטאג אין דער פריא איז טיראדא געזעסען ביים הערצאג אין זיין קאבינעט. אונ וויא דער הערצאג האט זיין בריעף גיענדיגט האט ער זיך צוא איהם געווענדעט מיט דיא ווערטער. ווייסטו טיראדא אז דער הערצאג פון אלבו איז יעצט פון פיליפען געזעצט פאר פרעזידענט אין נידערלאנד? קאנסטו דעם מערדער. דעם טיראן וואס מענטשען בלוט איז ביי איהם דאס בעסטע שפיעלעכען. איך קאן איהם צו פיל. הערצאג אונ דאס גיט מיר נאך מעהר האפנונג אויף אויס צו פיהרען מיין פלאן. וויל ערגערס פון איהם קאן שוין דאס נידערלאנדישע פאלק ניט ערווארטען. אונ דאס וועט זייא שוין גאר ברענגען אין דער לעצטער שטופע פערצווייפלונג. אונ ביי אזא מאמענט אז זייא וועלען דערהערען וועגען א קריג ערקלערונג פינם סולטאן אויף פיליפען וועלען זיי זיך אלע מיט מסירות נפש ווארפען אויף פיהליפס גארניזאן אונ וועלען פון שקלאפען ווערען זיין ערשטע פיינדליכע ארמעע.

אלזא ליבער טיראדא האט דאן יאזעף הנשיא געזאגט אויפשטייענדיג פון זיין שטול נעם זשע דיא בריף פון מיר צום אראניער פרינץ. נאר ווייס יאקאב אז דער וועג פון דאנען קיין נידערלאנד איז פארפלייצט מיט שפאנישע שפיאנען און אויף איין האר ווערט פערלוירען דאס גאנצע יודישע האפנונג מיט דיין לעבען צוא זאמען.

פערלאזט זיך הערצאג אויף מיר אונ אויף אונזער ליבען גאטט אין הימעל. האט טיראדא געזאגט אונ מיט דיא ווערטער האט ער אפשייד גענומען אונ איז אוועק פון סטאמבול.

---

.2

## אין מידדעלבורג

אין דער שטאט מידדעלבורג. וואס אין דעם נידערלאנדישען פראווינץ זעלאנד. דארט אין איינעם פון דיא שענסטע האטעלען. אין א רייך בעלייכטעטע צימער. איז געזעסען איינגעשפארט ביים טיש א יונגער מאן פון א יאהר דרייסיג געקליידעט אין א איינצוג פון קאמער דינער. נאר דאס פנים ווייזט כלל ניט אויס פון א קאמער דינער. ער זיצט פערטיפט אונ רעדט צו זיך אליין. געוואלד וואס האב איך געטוהן. וויא פאר שטעלט זיך אליין א מענטש זיין וועג צו זיין האפנונג אונ גיט נאך אליין איין אנדערען א מיגליכקייט. יענער זאל ערדרייכען זיין צוועק. א מרים א מיין טרייע זעלע מיין שטארצע ליבע. וויא זאל איך מיך אויף אייביג ענטזאגען פון דיר. אונ נאך מיט העלפען איין אנדערען צו ערדרייכען נאר. גענוג גערעדט דער פון. דיא ידיעה פארן כלל שטעהט העכער פון אלעס. דאס האב איך איין מאהל בעשלאסען אונ אזוי מוז בלייבען. וויא ער איז אזוי געזעסען פארטיפט. האבען דיא שווייצארען אויף געפראלט דיא טירען אונ א עהרליך שיינער מאן אין א שפאניש אריסטאקראטישען

איינצוג איז אריין אין צימער. דער פאר טראכטער יונגער מאן. האט זיך פון זיין שטול אויף געהאפט און מיט גרויס רעספעקט א פערביייגונג געמאכט פאר זיין פאטראן. דער פאטראן. דער זעהענדיג דעם יונגען מאן. האט מיט ערשטוינטקייט אויס געשריגען. יאקאב ביסט דא. שוין איינינע שטונדען. אז איך ערווארטע אייך מיין הער דאן סאמאיל.

דאן סאמאיל פאלאחי איז איינגעטרעטן אין גאנץ קלוגער מאן געווען. נאר שטענדיג איז ער בעשעפטיגט געוועהן מיט זיין שיינער און הויכער אסאבע און האט זעהער געוואלט ער זאל יעדען געפעלען און דאס האט איהם געמאכט פויל. ליב האבין לוקסוס און רוה און קיין וויכטיגע זאך ניט טוהן פארן כלל. א שווייצער האט געגרייט צו טיש און דער לאנגט אבענדסמאהל מיט דיא טייערסטע ווייגען. דאן סאמאיל האט זיך געזעצט עסען און יאקאוו האט איהם בעדינט.

נא זאגט דאן סאמאיל פאלאחי צו יאקאוועון. גאט זייא דאנק וואס ביסט בשלום געקומען. זייט מיר האבען זיך געשיידען אין אמסטערדאם איז דאך שוין טאקע א היבשע צייט און דוא האסט זיך מיט קיין זאך ניט געלאזט הערען. איך האב שוין געמיינט ווער ווייסט וואס מיט דיר איז פארגעקומען אין אזא ביטערער אונרוהיגער צייט.

איך האב אייך ניט געקאנט צו וויסען גיבען פון מיר כדי מיר זאלען חלילה ביידע אין אונגליק ניט אריין פאלען. נאר איך פון אייך האב שטענדיג בעריכטע געהאט. ווארען וויא נאר דער נאמען דאן סאמאיל פאלאחי. עס'ט שוין דיא גאנצע געגענד. טיראדא האט דיא ווערטער געזאגט אלעס א פארווירף זיין הערען. דארויף וואס אין אזא טייגע פלאן פאר טובת הכלל. האלט ער זיך אימעדים אזוי עפענטליך און שטאלץ. נאר דאן סאמאילען זיינען דיא עטליכע קריטישע ווערטער פאר געקומען אלס קאמפלימענט און עס האט איהם גאר מהיה געוועהן.

אלזא זאגט ער צו טיראדען. וויא איז דיר דיין רייזע געגאנגען און וואס פאר גוטע נייעסען האסטו מיר געבראכט?

איך בין אויס געוועהן אימעדים. איך בין געוועהן אין בריוכער. אנטווערפען. לוטטיך. מעכלען. צופטען און ארנהיים. און האב זיך איבער צייגט אז דאס לאנד איז יעצט פאר יודען קיין ארט ניט. אמת טאקע דער הערצאג פון אלבו האט אין זייא מיט זיינע טיראנישע טאהטען ערוועקט א גייסט פון נקמה. נאר דער געגען האט ער זייא אבער אין אזא פחד געבראכט. אז זייא קאנען זיך גאר לחלוטין ניט ריהרען און ביז אלבו מיט זיין אינקוויזיציאן וועט דא עקסיסטירען. האבין אונזערע אנוסים קיין האפנונג ניט אויף דעם לאנד. זעהט איהר מיין גינעדיגער הערר. דא אין דיא פראווינצען. אין זעלאנד אין האללאנד קאן אפשר יא זיין עפיס א שטיקעל האפנונג פאר אונז. וויל אהער איז נאך אלנ'ו דער מערדער ניט אזוי שטרענג. און צו דעם צוועק האב איך יעצט מיט זיך געבראכט א בריף פינם אראנ'ער פרינץ. צום היגען בורגעמייסטער און רעפוטאטען. רעדענדיג האט טיראדא ארויס גענומען א פערזיגעלטע בריף פון זיין טאש. און האט זיא איבער גיגעבען זיין הערען. דאן סאמאיל איז מלא שמחה געווארען לעזענדיג דעם אדרעס און זאגט אזוי צו טיראדען. א יעצט זיינען מיר איבערגליקליך. יעצט וועלען שוין אללע רעפוטאטען געוויס איינוויליגען דיא יודען בייא זיך אין מידדעלבורג.

נאר איך באטה אייך. מיין הערר. איהר זאלט דיא בריף גאנץ שטיל בסוד סודות איבער געבען דעם בורגעמייסטער. אום עס זאל זיך ניט ווארפען אין דיא אויגען. אז דיא היגע בירגער האבען עטוואס פערעלטניסע מיטען אראניער פרינץ. דאן סאמאיל





האט איהם גיגעבען רעכט און האט איהם געפרעגט זיין מיינונג איבערן פרינץ. יאקאוו האט איהם פאר געשטעלט פארין גרעסטען אידעאל חכם עדעלמאן אונזשעניע אין דער וועלט. אז ער איז אויס געהילדט פון אללע פאנאטיזמוס און אבער גלויבען. ביי איהם זיינען אללע מענטשען גלייכע בירגער אביא ארענטליך. און זיין מאטיועזש יעצט געגען שפאנישער רעגירונג פיהרט ער נאר פון דעם צוועק וועגען. אז קאם וועט ער דאס לאנד בעפרייען פון פהיליפען מיט דער אינקוויזיציאן. זאל ער פון זיין לאנד א גן עדן מאכען אונטער איין מענשענליבליך געזעטץ פיר אלערליי נאציעס אין דער וועלט. דאן סאמאילן זיינען גאר דיא הויכע ווערטער אפילו אין דינקען אויער ניט געגאנגען. און מיט אונגעדולד האט ער א פרעג געטוהן טיראדען. וויא אזוי זשע יאקאוו. האסטו זיך צו געשלאגען צום פרינץ טיראדא האט מיט און צופרידענהייט גיענטפערט. איהר מוזט געדענקען דעם תנאי צווישען אונז. נאך ביים ארויס פאהרען פון ליסאבאן. אז נאר ביז א געוויסער גרענעץ. הייסט איהר מיר הערר. און איך אייך קאמער דינער. און איהר טרייט שוין אריבער דעם תנאי. בייא אזא וויכטיגען ענין פרעגט איהר מיך איבער. מיט א טאהן פון אייבער האר. וועגען אזעלכע זייטיגע קליינינגקייטען. איהר דאנקט בעסער גאט פאר דער בריף. און גיט מיר איבער אלעס וואס איהר דא אויספייעט. פיילייכט וועל איך אייך קאנען מיט עטוואס נוטצליך זיין צום טובת הכלל.

דאן סאמאיל האט זיך אפילו אין דער תחלה אביסעל געפונען בעליידיגט נאר באלד האט ער זיך בארעכענט. אז יאקאוו איז דאך זיין רעכטע האנד. האט ער א שמייכעל געטוהן און האט איהם ערענסט געזאגט. דוא ווייסט דאך ניט מעהר פון מיין רייזע נאר דאס. אז אלעכ קאנסול אין פארטוגאל שפאניען פון מיין מאיעסטעט. דעם מאראקישען סולטאן. האב איך בעקומען אין ליסאבאן א פארשריפט פונעם סולטאן איך זאל ארומרייזען דיא נארדאייראפייעשע לענדער און איהם צו שיקען אויס לייז געווערט פאר דיא אייראפישע קריסטען. וואס ער האט אין פלען גענומען בעת זיין מלחמה מיט דיא לענדער. און דוא ווייסט נאר דאס אז דיא בעריהמטע פרויא. דאננא מאיר ראדריגעס. האט מיר דיך רעקאמענדירט בעת מיין אפרייזען פון ליסאבאן. אלס בראווער. פעיגער און שפראכקענער יונגער מאן. פאר א קאמער דינער. מעהר ווייסטו דאך ניט. וועל איך דיר יעצט ענטדעקען מיין הערץ. וועסטו פארשטעהן פאר וואס מיין פרייד איז אזוי גרויס. אז איך וויל אזש וויסען פון אללע קליינינגקייטען בפרט? מוזט וויסען יאקאוו אז דיא דאננא מאיר מיט איהר מאן. דאן גאספאר לופיץ האמאן. האבען מיך בייא מיין אפרייזען גיבעטען. אז אויף מיין רייזע זאל איך אפ זוכען ערגעץ א רוהיג ארט אין נארדאייראפא פון זייערט וועגען. זייא זאלען קאנען עפענטליך ווערען צוריק יודען און פרייא דינען דעם לעבעדיגען גאט. און דער פאר וועלען זייא מיר גיבען זייער בעריהמט שיינע טאכטער. מרים נונעס. פאר א פרויא. דער צוא דאבען זייא מיר נאך געגיבען דאס ווארט. אז אין דעם זעלבען טאג ווען זיי וועלען קאנען פריי עפענטליכע יודען ווערען דעמארט. אין דעם טאג וועט מיין חתונה מיט דער שיינער מרים'ן זיין.

טיראדא האט פון דעם אלעמען יא געוויכט. נאר ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג. און בעת דאס גאנצע געשפרעך האט איהם זיין הארץ געבלוטעט. זיינע אויגען האט עס פערפינצטערט און אללע זיינע גלידער האבען. וויא אין א קאנווולזיע געפלאטערט. נאר דער עגאיסטישער דאן סאמאיל האט דאס אלעס פון גרויס שמחה גאר ניט בעמערקט. און האט ווייטער גערעדט. יעצט יאקאוו פארשטעה מיין איבער

גליקליכע פרייד! מאהל דיר אז איך בין פון אמסטערדאם געקומען אהער. קיין מידדעלבורג. לויט טאקע וויא דוא האסט מיך ביים צו שיידען זיך אין אמסטערדאם געראטהען. האב איך באלד א רערגעטוהן מיטען בורגעמיסטער וועגען דיא שפאניש פארטוגאלישע יודען בכלל. נאר וויא איך האב א קוק געטוהן אז דאס איז איין אונ טיגליכקייט. האב איך זיך טאקע באלד באערעכענט. איך זאל נאר בעטען פיר דיא צוויא פאמיליען. לופיין האמאן אונ פאלאחי. באלד האב איך פאר דיא דעפוטירטע פאר געשטעלט דאס אונגעהערע רייכטהום מיטן אוים געשפרייטען וועלט האנדעל פון דיא צוויא פאמיליען. אונ דער צוא האב איך נאך פאר געלייגט צו שענקען באלד 30000 רענדליך אויף דער שטאדט. אונ אלע יאהר צו 1000 רענדליך. אונ דיא בירגער האבען מיין פארשלאג שוין כמעט וויא העכער האלב אנגענומען. אונ עס איז נאר געבליבען. אז איבער מארגען זאל מען מאכען א גענעראל זיטצונג פון אלע אריסטאקראטישע בירגער אונ מען זאל בעשליסען דיא זאך. יעצט יאקאוו אז איך האב נאך דאס גליק. א בריף פונם פרינץ אליין צו דער שטאדט צו בעקומען. קאנסמו פאר שטעהען. וויא ווייט גליקליך איך בין אז איך ווייס כמעט יעצט פון קיין צרה פון קיין קרעכץ פון אימיצען אין דער גאנצער וועלט. אזוי רעדענדיג איז דאן כאמאיל אויף געשטאנען פון זיין שטול. האט זיך געזעגענט מיט טיראדאן אונ געגאנגען אין זיין שלאפצימער. טיראדא האט אויך פארלאשען דיא ליכט אונ איז אוועק געגאנגען.

אויף מארגען האט דאן כאמאיל בסוד איבער גיגעבען דעם בורגעמיסטער דעם פרינץ'ס בריף. אונ איז זעהער פריילך גיוועהן מיטען בורגאמיסטערס פאר זיכערען איהם. נאר טיראדא האט דער וייל. אין דעם טאג אוים געשפירט אלע ווינקעלעך אין מידדעלבורג אונ האט זיך ענדליך פעסט ערקינדיגט. אז הגם דיא אריסטאקראטיא איז צופרידען מיט פאלאחי'ס פארשלאג. אונ עס איז שוין טאקע אפ געבעט ארום אונ ארום. אז מארגען אויף דער גענעראל זיטצונג זאלען אלע גיבען זייערע שטיממען אויף יא. נאר דאס פאלק הייבט ניט אן ווערען קיין נאמען פון א יודען בייא זיך אין לאנד. דאס פאלק האט קיין יודען קיין מאהל אין דיא אויגען ניט גיזעהען. אונ נאר פונם אנהערען זיך וועגען דיא געברוינטע ליידען. מיתות משונות אונ ארוים טרייבען וואס דיא יודען טראגען איבער אין שפאניען פארטוגאליען; פאר זייערע נארן פאלקס מיינונג זינד שטעלען זייא זיך פאר א יודען אלס א שרעק בילד אונ ווילען איהם נאר זעהען. וויא א בער אויף דער קייט.

טיראדאס איבער צייגונג איז טאקע ווירקליך אמת געבליבען. אויף מארגען האט טאקע דער פארלאמענט אנגענומען פאלאחים פארשלאג. נאר דאס גאנצע פאלק מיט דעם פאטמאר בראש זיינען אנגעפאלען אויף דער אריסטאקראטיא אונ האבען זייא שיעור צו ריסען וויא אטיגער דאס שיפעלע ביז ענדליך דיא גאנצע אריסטאקראטיע מיטען בורגאמיסטער האבען געמוזט נאכגעבען; דעם פארק אין קירכע אריין דארט האט דאס פאלק אנגעמאכט א ליארעם. אז דיא גאנצע שטאדט איז געגאנגען הארארם. דיא פאסטערס האבען געפרעדיגט. דיא גלעקער האבען געקלינגען דאס פאלק האט געשריגען ביז דיא אריסטאקראטיע האט געמוזט תשובה טוהן אויף איהר גרויסען פערברעך אונ זיך שלאגען חטאתי. אונ פאלאחים האפנונג איז אזוי פאר שטערט געווארען אויף אייביג.

צו דיא אלע אומשטענדען איז נאך פלוצים אנגעקומען א עקסטרע צירקולאר פונעם הערצאג אלבו. אין אלע שטעדט פון דיא פראווינצען האללאנד אונ זעעלאנד. אז אזוי וויא ער איז געוואהר געווארען. אז יודען זיינען אהין געקומען מיט דעם זינען





צו בעזעצען זיך דארט. לכן בעפעהלט ער אז יעדער שטאדטישע פאליציי זאל אויגען בליק ארעסטירען אלע יודען. וואס געפונען זיך אין איהר. אונ מען זאל זייא אין גיכען איבער געבען אין זיין האנד.

דיא וויכטע בשורה האט שוין פאלאחין גאר צום איבריגען דער שלאגען. אונ אין איין אויף דער נאכט זעהען מיר ווידער פאלאחין מיט טיראדאן זיטצען אין דעם זעלבען ציממער אין האטעל. נאר שוין גאר ניט ביי דעם לוקסוס וויא יענעם אויפדערנאכט אונ דיא ראלעס פון דיא צווייא יונגע לייט האבען זיך אויך גאר איבער געביטען. פאלאחי זיצט שוין יעצט אומעגדיג אונ דער שלאגין אונ טיראדא פארקערט איז פאלל כוטה אונ מילדקייט. דעם פוילען עגאיסטישען טרום פאלאחין האט זיך אוים געוויזען אז אלעס איז שוין פארלוירען. אלעס פערשפילט. נאר אונזער ענערגישער העלדישער הייסער פאטריאט. טיראדא האט נאך גאר ביי דיא אלע אומשטענדע קיין פיצעל האפנונג ניט פערלוירען. ער האט אלץ געגלויבט אז מיט ארבייטען וועט ער נאך זיינע אומגליקליכע ברודער ארוים העלפען פון זייער ביטערען צו שטאנד אין שפאניען פארטוגאליען. איי וואס דא אין מידדעלבורג איז ניט געראטהען? טיראדא האט ניט נאר איין מידדעלבורג אין זיין פלאן. אונ ער האט פאר אויס געוויסט. אז ניט אזויא גיך וועלען שוין זיינע אונגליקליכע ברודער ווערען בירגער אין דעם לאנד. אונ דאס וואס פאלאחי וועט מוזען אוים חתן ווערען פאר מרים'ן. דאס ראט זיך איהם אוודאי ניט אנגעהויבען אהרען. אזוי זיינען דיא ביידע געזעסען איינינע מינוט אין שווייגען. ביז ענדליך פאלאחי האט א טיפען זיפץ געטוהן מיט דיא ווערטער. נא וואס זיטצען מיר נאך דא יאקאוו? אלעס איז פערשפילט. לאמיר אוועק פאהרען קיין אמסטערדאם אונ פון דארט גלייך מיט דער שיף א היים קיין ליסאבאן.

ניין דאן כאמאיל האט טיראדא געזאגט מיט הארץ. נאך ניט אלעס איז פאר שפילט! גאט אין הימעל לעבט נאך. אונ מיר האבען שוין אויך דא אוספיעט עטוואס איין אנדרוק צו מאכין אויפען לאנד. דעם פרינץ'ס בריף איז אויך ניט קיין שפילעכען דער אריסטאקראטיע'ס בעליידיגונג פונם פאלק איז אויך ניט קיין קליינינקייט. דיא אלע וועלען זיך געוויס אן נעמען זייער קריוודע. אמת ניט באלד אונ ניט נאר מיט ווערטער וועלען מיר געהאלפען ווערען. נאר דיא צייט איז שוין געוויס געקומען דער פון. דיא שטונדע האט נאך ניט אוים געשלאגען. אבער האפנונג אויף שפעטער איז געוויס דא אסך. דיא מלחמה וועט אלעס איבער ענדערען אונ דורך איהר וועלען מיר דיא פרייהייט געניסען.

פאלאחין האט זיך גאר ווייטער ניט געגליסט הערען טיראדאס פאעזיע. אונ ער האט איהם מודיע גיווען. אז ער איז שוין רייזע פערטיג אויף מארגען פריא אונ ער זאל זיך אויך צו פערטיגען. נאר טיראדא האט איהם יעצט אויך מודיע געוועהן אז ער נאך היינט באנאכט פאהרט ער אוועק ערגעץ. אונ ערשט אין דרייא וואכען ארום וועט ער צו איהם קומען קיין אמסטערדאם. אונ קאם וועט ער אין דרייא וואכען ארום ניט קומען. זאל ער אויף איהם שוין גאר ניט ווארטען. מיט דיא רייד האט זיך שוין טאקע טיראדא גיזעגענט מיט פאלאחין אונ דאס שוין טאקע דיא מינוט פונעם ציממער ניט געזעהן.

.3

# דיא חברים

גאר אין עק שטראסע. וואס פארען מאגיסטראט. אין בריעסעל. געפונט זיך א שמאהלער אונ א לאנגער הויף. אין וועלכען עס געפונען זיך א סך אלטע קליינע אונ דראבקע הייזלעך נאר דאס איינציגע הויז. וואס אין פראנט. איז א גרויס הויז מיט א סך נומערען אין אלע פיר זייטען. דאס הויז איז אויך ניט זעהער שיין. נאר דער פאר איז דאס אבער שטענדיג בעלעבט פון טויזענטער מענטשען אונ איבער הויפט ביי נאכט ווייל דארט געפונט זיך א גרויסער רעסטאראן פיר דעם שפאנישען גארניזאן אין וועלכען דיא שפאנישע קאלראטען ברענגען צו פרייליך דיא נעכט. אין דעם רעסטאראן געפונען זיך. אויסער דיא ברייטע טירען אין פראנט פיר דעם חיל. נאך פיל זייטיגע טירען אין אלע ווינקעלעך. צו איינע פון דיא זייטיגע טירען זיינען יעצט אין א פינסטערער נאכט צוגעקומען צוויא פערוויקעלטע מענטשען מיט דיא היטלען איבער דיא אויגען. איינער פון זייא האט ארויס גענומען א שליסעל פון דיא טאשע אונ האט אויפגעשראקען דיא טיר אונ אריינקומענדיג אין פאר רייזעל האט ער א ווינק געטוהן צום צווייטען. ער זאל איהם נאכגעהען אונ אליין האט ער דיא טיר צוריק פערשלאסען פונעם פאר הויז זיינען זייא געקומען אין א גאנץ שמאהלען פינסטערען קארידאר. אונ דארט האט דער ערשטער ווידער אויפגעשלאסען א טיר אונ אונזערע מענטשען זיינען אריין געקומען אין א גאנץ היבש צימער דער ערשטער האט דיא טיר אויך פערשלאסען אונ האט אנגעצונדען א ליכט אונ דיא צוויא זיינען געבליבען איינס געגען אנדערען שטעהען וויא פארשטיינערט.

איניגע מינוטען זיינען אזוי אונזערע צוויא אונבעקאנטע געשטאנען אהן ווערטער ביז ענדליך דער צווייטער האט א פרעג געטוהן דעם ערשטען. איהר זאגט מיר ניט ווער איהר זיינט? איהר מוזט וויסען מיין הערר. אז עס איז גאנץ גענוג פון מיין זייט אז ביי דער צייט. אין דעם ארט אונ אין אזא שטאק פינסטערער נאכט בין זיך ביז אהער נאך געגאנגען נאר אויף אייער סימן. אמת מאקע דער סמן איז גאנץ גענוג מיך צו איבער צייגען. אז איהר זיינט א פראמער ערעלמאן. נאר דאך מעג איך פאדערען פון אייך אייער נאמען אונ פאמיליע. אלזא אים נאמען פון אייער סמן מאגע. אים נאמען פון דעם היילינגען מאן פרא גערארנימא... פאדער איך פאן אייך איהר זאלט מיר באלד זאגען ווער זיינט איהר? אונ וואס ברויכט איהר?

ניט אנטווארענד אויף דיא פראגען. האט דער ערשטער נאר ארויף געריקט זיין היטעל אויפען שטערען. האט אראפ געווארפען פון זיך זיין מאנטיא אונ מיט זיינע צוויא אויס געגלאצטע אויגען אויפן צווייטען דאט ער איהם א זאג געטוהן.

דוא האסט מיך ניט דער קאנט. דוא. דיא אלפאנס די גערירא?

דער צווייטער האט נענטער צו געטרעטען צום ערשטען. האט זיך אין איהם גוט אנגעקוקט אונ מיט א פרייד האט ער א געשרייא געטוהן אויסער זיך פרא דינא.

יא ברודער אלפאנס דאס בין איך. אלפאנס איז איהם געפאלען אויפן האלז. האט איהם געקושט אונ געוויינט פון פרייד. אזוי זאגט ער איהם ביסטו דאס פרא דינא דאס הארץ האט מיר אבער טאקע געזאגט. בעת דוא האסט מיך ארויס גערעדיג פונעם מאגיסטראט א רוף געטוהן. וויא דוא האסט נאר אויס גערעדט דעם סמן „אים נאמען





פון פרא גערארנימא קים מיט מיר. האב איך שוין געטראכט אויב דאס ביסטו ניט מיין אלטער גוטער ברודער פרא דינא.

נא וואזשע מאכסטו אלפאנס מיין טהייערער. זאג וויא גליקליך איך צייטען מיך יעצט אז איך האב דיך געפונען נאך מיט דער יונגער ליבע אונ טרייהייט צו מיר ביז היינט.

א פרא דינא דאט אלאפנס געזאגט מיט הארץ. וויא קאן איך פאר געסען דאס וואס עס איז ביי מיר אויף אייביג איינגעבאקען אין מיין הארץ. געדענקסטו. ליבער פרא דינא. דיא זיסע צייט ווען מיר זיינען ביידע געזעסען פארן היילינגען פרא גערארנימא אונ מיר האבען זיינע הויכע היילינגע ווערטער מיט ברענענדיגען דארשט געשלינגען?

אויב איך געדענק עס... ווען ניט דיא גילדענע צייט וואלט איך דיך געוויס יעצט ניט געפיהרט אהער אין מיין צימער וועגען...

יא האט אלפאנס פאר האפט דיא רייד. איך האב דיך פון פריידע גאר פאר געסען פרעגען. וויא אזוי ביסטו אהער געקומען. וואס דארפסטו דא אונ וואס פאר קליידער טראגסטו עפעס? דוא בירסט דען אנטלאפען פונעם קלויסטער? דוא טראגסט שוין גאר טאקע מעהר ניט דיינע פריסטער קליידער? דוא ביסט שוין מעהר ניט דער פרא דינא? זאג ברודער איך בין זעהער נייגעאירעג צו וויסען דאס אלעס.

פרא דינא בין איך שוין געוויס מעהר ניט. איך הייס יעצט ביי מיין אלטער יודישער פאמיליע צוריק טיראדא נאר זאג זשע מיר ברודער. אונ דוא הייסט דען נאך ארץ אלפאנס ניט וויא דוא פלעגסט זיך א מאהל. בעת צוזיסען זיך איבערן אונגליקליכען יודענטהום רופען „אברהם דיא גערירא"? אלפאנס איז ביי דיא ווערטער דער ציטערט געווארען אונ מיט מויט שרעק האט ער טיראדאן געזאגט שטיל. שא ברודער לכבוד השם רעד ניט פון אזעלכע זאכען גאנץ גענוג. אז דוא דארפסט זיך אפ געזוכט א קווארטיר אין דעם געפערליכסטען ארט. וויא שפאנישער סאלדאטען שכורן אונ אויף יעדען טריט איז דא טויזענד אויגען.

אומגעקערט. זאגט טיראדא איך האב אונבויסמען טאקע ווארט דאס ארט מיר אפ געקליבען פאר א קווארטיר דוא ווייסט דאך אלפאנס. דאס ווערטיל מען שטעלט דעם גנב פאר דער טיר. פאר שטייסטו ברודער מאקע נאר דא קאן איך מיר גאנץ רוהיג זיטצען אונ ארבייטען וועגען מיין פלאן. ווארען דא וועט מיך אפילו דער רוח אליין אויך ניט חושד זיין אין קיין זאך.

אלפאנס איז איהם אויפן האלז געפאלען. אונ מיט א טיפען זיפץ האט ער איהם געזאגט. אוי דוא אונגליקליכער ברודער איך קאן מיר שוין משער זיין. וואס מיט דיר האט זיך שוין בעדארפט פאסירען אויף דעם ווייטען וועג פונעם פראנציסקאנער קלויסטער ביז אין דעם רעסטאראן. גענוג צרות אפנים האסטו שוין איבער געטראגען אין דער צייט. דער צעהל מיר ברודער דיין אונגליקליכע ביאגראפיא בפרט. דער צעהל מיר וועגען דיין האפנונג וועגען דיין צוועק. הכלל דער צעהל מיר אימליכעם פיצעלע. מיין הארץ איז אפען פאר דיר.

הער זשע אויס ברודער אלפאנס. איך וועל דיר ענטדעקען. נאר קודם כל וויל איך וויסען וויא האלסטו. ביי וועלכע מיינונגען ביסטו אצונד אונ וואס דיינקסטו בכלל איבער דער יעצטיגער פראגע. גערארא ביידע זיינען מיר געשטאנען אויף א פייערבארג בעת ער האט זיך צו פלאקערט אונ האט איבער געקערט דיא גאנצע געגענד. דוא ביסט אריין אין דעם ברענענדיגען בארג אונ איך בין געבליבען שטעהען פון אויווען נאר היינט. יעצט אז דיא שיקזאל האט אונז יא נאך א מאהל צו נויפגעפיהרט אונאייעם

יעצט ברודער זאג מיר דעם גאנצען אמת ווער אונ וואס ביסטו ?

יא ברודער האט אלפאנס מיט הארץ אויס געשריגען איך דער צעהל דיר שוין שאקע מיין קורצע ביאגראפיע פון אלף ביז תיו. געדענקסטו ברודער אז מען האט מיך ארויס געפאדערט פון אונזער טהייערען לעהרער פרא גערטאנימא. איך זאל פאהרען קיין וואלאדאליד צו מיינעם א פעטער מענדעל איך זאל זיך מיט איהם געזעגען פאר זיין טויט. פון דעמאלט אן זענען מיר צו שייד געווארען ביז היינטיגען טאג. הער זשע אויס. וואס מיט מיר האט זיך פון דעמאלט אן ביז יעצט פאסירט. דער פעטער איז געשטארבען אונ מיינע פריינד האבען מיך אפגעגעבען אין אוניווערזיטעט אויף קורס יורי אין פאליטיק. איך האב דאן געדענקט. אז קאם וועל איך נאר ענדיגען. וועל איך באלד צוריק פאהרען צו דיר. אונ מיר זאלען ביידע פארט זעצען אונזער פלאן. נאר צום אומגליק מאכט זיך. אז דער סיר ווערגא איז גראדע דאמאלס געקומען קיין וואלאדאליד אונ איז געשטאנען קוואטיר ביי מיין פראפעסאר. אונ ווי דער פראפעסאר האט מיך פאר איהם אזוי שיין אפרעקאמענדירט. אונ ער האט מיך נאך א קליינעם עקזאמען. דער קענט פאר דעם פעיגסטען דיפלאמאטען פיהרער. האט ער מיר פאר געלייגט איך זאל זיך שטעלען ביי איהם אלס סעקרעטאר. איך האב זעהער ניט געוואלט די קאריערא. ובפרט נאך ביי דעם טיראנישען ווערגא. נאר דער פראפעסאר האט מיר צו פערשטעהען געגעבען. אז ווערגא איז דער ערשטער חשוב ביי פיליפען אונ ביים הערצאג אלבו. אונ קאם וועל איך איהם אפ זאגען איך איינינקעל פון די אנוסים שפיל איך מיטען לעבען אודאי דאב איך געמוזט פאר טרעטען ביי איהם די פאכט אונ פון דאן אן בין איך פערקויפט ביי איהם מיט לייב אונ זעלע. אונ דא אין ברויסעל בין איך אויך מיט איהם וועגען דער יעצטיגער פאליטיקא אונ אויף מיין יעדען טריט. אויף מיין יעדער מינוט קוקט ער אויף מיר מיט כו זענד שפאנישע אויגען. אונ אזוי בין איך ברודער פון דעמאלט אן א אונסטרומענט. א מאשינע ביי דעם מערדער ביי דעם טיראן אין די הענד. א טיראדא ביטער וויא דער טויט איז מיין שיקזאל. פינצטער איז מיין וועלט !

טיראדא איז איהם אויפן האלז געפאלען אונ געזאגט. אלפאנס ברודער. איך וויל נקמה אין די בלוט שונאים פון מיין גאט אונ פון מיין פאלק. איך בין יחיד פון עדלע פראמע עלטערען וואס זיינען אויף קדוש השם פאר ברענט געווארען אויפען אינקוויזיטישען קאסטער. איך ברודער פון דער איינציגער טהייערער שוועסטער. וואס איז פון פלאגען אונ מארטירען געשטארבען אין א פינסטערער אינקוויזיטישער הער. איך פראנציסקאנער מאנאך. וואס פאר עטוואס איין אמת ווארט. האט מיך די טיראנישע אינקוויזיציא שוין געהאט פאר אורטהיילט צום קאכטער. נאר מיט די חסדים פון אונזער לעבעדיגען גאט. בין איך גערעטעט געווארען פון דער שרעקליכער מענשען פרעסערין. וואס האט מיין גאנצע פאמיליע איין געשלינגען. איך קיין פערניכטעט מענטשעלע. איך מיראנען איינינקעל. האב זיך בעשלאסען אויפצורייצען א מלחמה. אונ א בלוט מלחמה. אויף דער אלטער מכשפה. די אינקוויזיציאן. אונ וועל ניט רוהען ביז איך וועל זיא עוקר מן השורש זיין. א פייער וועל איך אנצונדען אין אלע עקען פון דער וועלט אונ זיא. די אונמענשליכע בלוט זויגערען. וועט אין דעם פייער ברענען אזוי לאנג ביז מיין נקמה. ביז די נקמה פון מיינע אונגליקליכע ברודער וועט ניט אויס לעשען.

אלפאנס מיין טהייערער ברודער דאס איז מיין איינציגער וואונש אונ איך האב שוין אין דעם א סך אויפגעט. פון דער צייט וואס דוא האסט זיך פון מיר געשיידען.





בין איך נאך א יאהר געבליבען לעבען אונזער טהייערען פרא גערטאנימא. אונ אין דעם יאהר בין איך ערשט ערפאהרען. וואס דער אלטער היילגער מאן מיינט מיט זיינע הויכע ווערטער ביז אהער. דוא געדיינקסט אלפאנס אז נאך פאר דיר דאט ער אונז ענטדעקט. אז מיר קומען ארויס פון יודען. אונ אז אונזערע עגאיסטישע עלטערען האבען צו ליב זייער רייכטהום ניט געוואלט ארויס פון דעם פינסטערען שפאניען אונ האבען מיט זייער רייכטזיניקייט. בעל כרחו אנגענומען דאס קריסטענטהום. אונ ביי דעם אלמען האט זייא די אינקוויזיציאן דאך איינגעשלינגען. נאר דעמאלט האבען מיר ביידע ניט געוויסט. ווער אונ וואס איז דער פראמער פרא גערטאנימא אונ וואס וויל ער מיט זיינע געטליכע פלאמפייעריגע ווערטער ? נאר אז דאס יאהר האט זיך געענדיגט. אונ אונזער ליבער לעהרער איז טויטליך קראנק געווארען. בין איך געוועהנליך ניט אפ געטרעטען פון זיין בעט אונ ער האט מיר אלץ מעהר אונ מעהר מיינע אויגען געעפענט. ענדליך האלבע נאכט איינינגע מינוט פאר זיין טויט. האט מיך דער 80 יאהריגער היילגער גרייז א חאפ געטוהן ביים דער האנד אונ מיט שוואכע בלאסע ליפען האט ער צו מיר געזאגט. פרא דיגא איך שטארב נאך אין איינינגע מינוט ארום. לכן מוז איך דיר מיין אכציג יאהריגען סוד ארויס גיבען. איך בין אויך א מאראן. איך בין דיינער א פעטער. דיין מוטערס פאטערס א ברודער. אונזער יודישע פאמיליע איז טיראדא אונ נאר מיר ביידע זיינען נאנ'ן געבליבען פון אונזער גרויסער פאמיליע. אלע האט די בלוטיגע אינקוויזיציא איין געשלינגען. געדענק טיראדא אז דיינע עלטערען זיינע נהרג געווארען אויף קדוש השם. אונ ווייס וואס צו טוהן. מיט די ווערטער איז ער אויס געגאנגען. אונ פון דער מינוט האב איך מיין דייגען מיין פערמייגען. מיין לעבען מיין נשמה געאפפערט אויף נקמה. פון דער שרעקליכער אינקוויזיציא מיט אלע איהרע נאכפאלגער. אונד יעצט ליבער אלפאנס זאג מיר עפענטליך ביסטו פערטיג מיר מיט צו העלפען אין דער היילגער ידעע ?

פערטיג ברודער מיט לייב אונד זעלע. האט אלפאנס מיט פייערליכער ליבע צו זיין פאלק א געשריי געטוהן ניט מיט זיין קול. פערטיג טיראדא נאר זאג מיר. מיט וואס קאן איך דיר נוצליך זיין ? זאג בעפעהל. איך וועל פאר דיין יעדען ווארט דעם טויט אליין אין די הענד אריין לויפען.

הער זשע אויס מיין טהייערער אלפאנס האט טיראדא ש'ין בערוהיגטער געזאגט איך האב דא אין ברויסעל אויך א סך מיט גלידער אונ אפילו צווישען דער וואכע. וואס ארום הערצאג אלבו געפונען זיך אויך מיינע טרייע אגענטען. אונ טאקע פון זייא האב איך ערפאהרען. אז אלבו וויל די טעג צו שיקען שפאניש מיליטער אין גאנץ נידערלאנד. אונ אין יעדער שטאדט פון זייא שטעלען א גארניזאן. לכן ברודער וויל איך יעצט פון דיר אזוי וויא דוא ביסט דאך סעקרעטאר ביי ווערגא'ן. אונ ווערגא אלס וויצע פרעזידענט אלבו'ס. פיהרט דאך אלע זיינע דיפלאמאטישע פענער ביי זיך אין קאנצעלאריע געוויס קאנסטו מיר זאגען. וואס דיינקט דער מערדער אלבו צוא טוהן. נאכען צו שטעלען אלע גארניזאנען ?

אך ! דאס קאן איך דיר שוין איבער גיהען גאר אין קורצען נאר זאג מיר ליבער ברודער וואס קאן דיר דען פון דער בעריכטע ארויס קומען.

וואס פאר שטייסטו דא ניט אלפאנס ? האט טיראדא געזאגט. אז איך וועל אלע זיינע פלענער פאר אויס וויסען. וועל איך עס באלד צו שיקען אין אלע שטאדישע מאגיסטראטען כודיע זיין דורך מיינע אגענטען. וואס זייא ערווארטעט פון אלבו'ס גארניזאנען. אונ דאס וועט זייא צלע אויפוועקין. זייא זאלען זיך שטעלען געגען דעם

שפאנישען מיליטער און זיי ניט נזהייבען אראנלאזען אין קיין שטאדט אריין . און קאם דאס וועט זיך ערפאלען אזוי וועט באלד מוזען דיא מלחמה אויס ברעכען .

ביסט גערעכט ברודער אלזא הער זשע אויס מיט קאפ . וואס איך וועל דיר דא בעריכטען . וואס דיינע אנגענומען האבען דיר געזאגט איז אמת . וויא אונזער גאט איז אמת ! עס איז שוין אפילו פאר געצייכענט דער ספיסאק פונעם גאנצען שפאנישען מיליטער און עס איז שוין איינגעטהיילט אין גארניזאנען . לויט נאך יעדער שטאדט און אין דרייא טאג ארום וועט זיך דאס גאנצע מיליטער אויפהייבען מיט א מאהל און וועט מארשירען אין אלע נידערלאנדישע שטעדט . אין בעת אוועק מארשירען וועט מען יעדען קאמענדאנט מיט גיבען אויף דער האנד דרייא פערזיגעלטע צירקולארען . און מען וועט זייא פערזאגען . אז באלד נאך דער אקופאציע . (אנריכטען דעם גארניזאן) זאלען זיי אלע אין איין טאג . אויפזיגלען דיא צירקולארען אין אלע שטעדט און זאלען פארלעזען פארען פאלק וואס דארט איז געשריבען . דיא צירקולארען זיינען שוין אפילו אלע אנגעשריבען און געהתמה'ט מיט ווערנא'ס חתימה . יעצט ליגען זייא שוין ביים הערצאג אלבו אין קאבינעט . ער זאל נאך זיין חתימה אויף זייא לייגען .

אויס געצייכענט בנאמנות . האט טיראדא געזאגט מיט א פרייד . נאר זאג זשע מיר נאך ברודער . אפשר ווייסטו . וואס אין דיא צירקולארען איז געשריבען ?

איך ווייס זעהער . ווארען איך אליין האב זייא געמוזט שרייבען . דער ערשטער צירקולאר זאגט . אז מען זאל אויגענבליקליך בעניעמען קארל דעם פינפטענס אוקאז . אז אין גאנץ נידערלאנד טאר זיך ניט געפונען קיין אנדער גלויבען און רעליגיאן אויסער קאטאליציזם און פון יעצט אן . ווער עס וועט נאר דאס מינדעסטע פרייהייט ווייזען געגען דעם קאטאליציזם זאל מען זיין פערמעגען קאנפיסקירען און איהם אליין הרגנ'ען . דער צווייטער זאגט . אז מען זאל באלד מיסד זיין אין אלע נידערלענדישע שטעדט דיא היילינע אינקוויזיציאן . אלע ריכטער אדמיניסטראציעס און מעליטער עלטסטע זאלען איהר אונטער ווארפען זיין און פאר איהר איין ווארט בעשטראפען . הרגנען און קאנפיסקירען דיא פארמייגענס . דער דריטער זאגט . אז מען זאל . אלע גיטער . תבואות . הייזער . אונטערטומענטען און אלערליי געשעפטען בעלייגען מיט אונגעהאר גרויסע צינזען .

בראוואו אלפאנס . האט טיראדא פאל פריידען אויס געשריגען . דיא צירקולארען מיטען הערצאג'ס חתימות דארף איך האבען . און קאם בעקים איך זייא . אזוי ווערען זייא אן גען בליק צו שיקט אין גאנץ נידערלאנד . און דאן האב איך שוין מיינס אפ געטוהן בשלמות ! נאר דוא אלפאנס . זעה מיר נאר בעקומען איין אויפגעצייכענטען פלאן פון דעם הערצאג'ס קאבינעט . דאס איבריגע איז שוין מיין זאך . איך וועל דיא צירקולארען נעמען פון זיין קאבינעט . איך ניט קיינער און לאז זיך זיין וואס עס וויל זיך . איך פערהאף צו דעם גרויסען אלמעכטיגען גאט אין הימעל פאר וועלכען איך אפפער יעצט מיין לעבען וויא צום טאנץ . דיא צוויי הערצליכע גוטע ברודער זיינען ביז פאר טאג געזעסען און געפלאנעוועט זייער הויכע ידעע . און וויא עס האט נאר אן געהויבען טאגען האבען זיי זיך ביידע ווידער פערהילט אין דיא מאנטעלס און זיינען אוועק מיט דעם זעלבען פאר בארגענעם וועג אין גאס אריין . דארט האבען זיי זיך געזעגענט אהן ווערטער . און יעדער איז געגאנגען זיין וועג .

---





4.

# אין אלבו'ס דווארעץ

דער בריוסעלער קעניג שלאס . וואס דער הערצאג אלבו האט איהם בעוואונט איז בעשטאנען פון דרייא שטאק . אין דעם אונטערשטען שטאק האבען זיך געפונען אלבוס לייב גוואַרדיא און דיא מעליטער אלטסטע פון בריוסעלער שפאנישען גארניזאן דעם מיטעלסטען שטאק האט בעוואונט דער הערצאג אליין מיט זיינע קאנצעלאריעס און פאלאטעס און אויפען איבערשטען שטאק האבען זיך געפונען אלע זיינע אדיוטאנטען . קאמער דינער און בעדינטע . צווישען דיא אלע דרייא שטאק האבען זיך געפיהרט גאנץ לאנגע ברייטע קארידארען . פון וועלכע מען האט געקאנט קומען אין יעדען צימער אריין בעזונדער צו דיא ערשטע צווייא שטאק האבען געפיהרט גאנץ ברייטע פראכטפאלע טרעפ אין אלע קארידארען אריין . נאר צום איבערשטען שטאק איז מען צו געקומען דורך שווינדעל טרעפ . וואס האבען זיך געדרייט פונם טארעם . וואס אין דער מיט פאלאטץ איז געשטאנען ביז ארויף . עס איז אפילו געוועהן גענוג פונעם איבערשטען צום מיטעלכטען שטאק . נאר דער הערצאג האט זייא אלע געהייסען האלטען פעסט געשלאסען און חוץ דזה איז אין דעם גאנץ גרויסען קארידאר . וואס פארען הערצאג'ס צימערען . געשטאנען א שטאנדיגע וואכע . וואס האט זיך אייניגע מאהל אין מעת לעת געביטען .

פון איינעם פון דעם הערצאג'ס וואכע האט אלפאנס ארויס געקריגען א פאדראבנע פלאן פון דעם הערצאגס אלע צימערען מיט אלע זייערע פארבארגענע גענג און נאך געמאכטע שליכען צו אלע טירען . און דאס אלעס האט ער איבער געגעבען טיראדא . טיראדא האט דעם פלאן גוט קענען געלערענט און ער האט זיך געפירט אז ער וועט זיך אזויא קאנען פרייא ריכטען אין דוואַרעץ . גלייך ער וואלט דארט אליין יאהרען געוואונט . א נאכט דערפאר פאר דער נאכט וואס דער הערצאג האט שוין בעדארפט התמה'נען דיא אלע צירקולארען און צום טאג זייא אוועק שיקען האט זיך דער זעלבער וואכמאהן . וועלכער האט דעם פלאן אלפאנסען געגיבען . געמאכט קראנק און פאללענדיג צו דער ערד האט ער מיט יאמערליכע קולות געשריגען . אז דיא קאנוואלסיע האט איהם געכאפט און ער בעט רחמים . מען זאל איהם רופען דעם פראנציסקאנער פאטער . פרא דיגא . וואס קוואטירט אין שפאנישען רעסטאראן . ער זאל איהם אויס ריכטען פארן טויט . דער אפיצער פון דער וואכע האט באלד געשיקט נאך דעם פריסטער פרא דיגא . . . טיראדא איז געקומען אין זיינע פריסטער קליידער אין דוואַרעץ אריין . האט קאמערשט גאנץ ערענסט דעם וואכמאהן מבקר חולה געוועהן . און זעהער א פרומע . גאטעס פורכטיגע רעדע איהם געהאלטען און דורך זיינע עדלע פרומע און שיינע בענעהמונגען האט ער חן בעקומען ביי אלע אפיצירען . וואס אין דוואַרעץ אזוי . אז דיא גאנצע נאכט און דעם מארגענדיגען גאנצען טאג האט ער שוין געהאט א פרייען אנטרעע קאמערשט צום חולה . און האט דער וייל אויס געקוקט אלעס . וואס איהם איז נייטיג געוועהן וויא אין לעבען . צו דער קונפטיגער נאכט .

אויסשלאג האלבע נאכט . איז טיראדא ארויף פונעם טארעם . וויא ער האט זיך בכבוד אויף געהאלטען ביי איין חולה . אויפען איבערשטען שטאק . פון דארט איז ער

און קאם אזוי מוז איך טאקע באלד זעהן פאר רעכטען און פאר שטערען דעם גנב זיין וועג. און אין דיא געדאנקען איז אלבו אפ געזעסען ביז טאג. און קאם טאג האט ער געלאזט רופען זיין אמת פאר טרויעטען סעקרעטאר און האט איהם געהייסען איבער נייעס אן שרייבען דיא אלע צירקולייארען נאך מיט מעהר רציחה. און סערדעריא. און מען זאל זיי באלד צו געבען אלע קאמענדאנטען. און חוץ לזה האט ער באלד ארויס געגעבען איין אוקאז. אז מען זאל שטרענג אכטונג געבען אויפען חיל און אויף דיא אפיצערען. אז ביי א מינדסטער רעוואלוציאנע בעוועגונג זאלען זיי זעהן וויא ווייט מעגליך פאר האפען דאס פייער ביים ערשטען מאמענט.

אלבו האט געמיינט אז דער מיט וועט ער שוין געוויס פאר רעכטען דיא זאך. נאר וואס דיא פארגאנגענע שטונדע שלאגט אויס. קאן מען שוין מיט דער גאנצער עוויגקייט ניט פאר האפען. טיראדא האט נאך דיא נאכט אויספיעט ארויס צו שיקען דרייסיג קוריערען מיט, דיא צירקולייארען אין אלע נידערלאנדישע שטעדט צוא דיא אלע בורגעמייסטערס פון יעדער שטאט. אז זיי זאלען איבער צייגען דאס פאלק אין זייער טיפען אונגליק. וואס אלבו וויל אויף זיי אנווארפען. און זיי זאלען למען השם אויף שטעהן אלע וויא איין מענטש און זאלען ניט אריין לאזען דאס שפאנישע חיל אין קיין שטאדט אריין. דער פאקט האט גאנץ נידערלאנד אויף געוועקט פונם שלאף וויא אדינער האט עס יעדען געטראפען אין זיין הארץ. זייא האבען זיך פון גרויס ביז קליין איבער צייגט אז אלבו איז נאר אויסען. זיי אלע אויס צו קוילען און זייערע פארמעגענס צו נעמען. דיא פינסטערע בשורה איז שנעל וויא א פייל אויסען בויגען איבער געלאפען פון שטאדט צו שטאדט. פון דארף צו דארף און פון שטוב צו שטוב אפילו א שיף ערגעץ אין נידערלאנדישען מער איז אויך באלד געוואר געווארען דער פון מען האט אימעדים געמאכט אסיפות. רעמאנטירט דיא פעסטונגען. אן געפילט דיא הרסינאלען. געשטעלט באטאריעס. און אלע איינוואהנער זיינען געשטאנען גרייט געוואפענט. צו שלאגען זיך מיטען בלוט שונא ביז דעם לעצטען טראפען בלוט און טאקע אין דעם זעלבען טאג איז דער אראניער פרינץ מיט פיר און צוואנציג מעליטער שיפען. מיט זיין גאנצען פלאט אריין אין בריוסעלער פארט. און האט איהם שוין טאקע באלאגערט פון אלע זייטען. דער הערצאג אלבו האט זיך איבער צייגט. אז דעם שאדען. וואס דער גנב האט־איהם געמאכט. איז נישט נאר שוין ניט צום פאר רעכטען. זאנדערען ער האט נאך א סך מער פאר ערגערט דעם הערצאג זיין פריהעריגע פאליטיקא אין דעם לאנד. ווארען אזוי האט יעדער נידערלאנדישער בירגער נאר אין הערצען געטראגען זיין און צו פרידענהייט. אבער איין עפענטליכער געגנער צו זיין. האט ער אפילו ניט געוואגט צו דענקען. און יעצט זיינען אלע פון דער העזה ארויס און דיא רעוואלוציאן האט זיך צו פלאקערט וויא א העלעש פייער. און דאס האט אנגעמאכט ווער? ער אליין זיין שעה שלאפען האט איבערקערט זיין גאנצע דיפלאמאטי מיטען קאפ אראפ און מיט דיא פוס ארויף. ארום געהענדיג אזויא צו קאכט פון ווייטיג און שאנדע. אין זיין קאבינעט האט איהם צו פעליג א בלישצע געטוהן טיראדעס שווערד. וואס איז נאך אלץ געלעגען אויפען טיש. ער איז מאשינאלנע צו געגאנגען צום טיש און האט ווידער אן געהויבען באקוקען דיא שווערד. האט ער בעמערקט אויף דער קלינג. לעבען דער שטיעל זיינען אויס געקריצט דיא פיר ווערטער „דוא מאראנען און נידערלענדער" אהאט ער אויס געשריגען מיט א לעווען שטימע. אט דיא צוויא פאר ניכטעטע סעקטען. מיינע שטענדיגע צוא טרייטענע ווערעם. מיינע אבשייליכע ברוטערען האבען זיך צו זאמען גענומען מיינע





פלענער צו שטערען און מיין כבוד צו דער ערד טרעטען. אט א דיא נבלות ווילען שטירצען דיא שפאנישע רעגירונג און אויס ווארצלען דיא הייליגע אינקוויזיציאן. איין איינציגע מלחמה האב איך מיט אייך. א מלחמה ביז מיין לעצטער מינוט איינם לעבען.

דיא זעלבע ווערטער. נאר אין איין ערדען ערהאבענעם זינען. האט טיראדא אויך געזאגט. אויפזעטצענדיג זיך אויף דער שיף אין אמסטערדאם. צו פאהרען מיט דאן כאמאיל פאלאחי קיין ליסאבאן. איין איינציגע מלחמה האב איך מיט שפאניען און מיט דער אינקוויזיציאן! א מלחמה פון טויט און פערניכטונג דאס פייער וואס איך האב אן געצונדען אין נידערלאנד. וועט שוין ברענען אין אלע עקען פון אייראפא א פינסטערע טעג זעהן אויף נידערלאנד הונדערטער מענטשען זיינען שוין געפאלען פאר זייער פרייהייט און נאך טויזענטער וועלען פאלען. נאר מיט דיא הייליגע קרבנות וועט שפאניען מיט איהר אינקוויזיציא אבער אויך פאלען איין איינציגע מפלה און מיר פאר שאלטענע יודישע קינדער וועלען נאך דא. אין דעם לאנד געניסען פרידען. פריידען און פרייהייט גלייך מיט אלע בירגער.

יא כבוד און גליק צו דיא מאראנען און נידערלאנדער! אדיע דוא ליבעס לאנד אדיע איהר אלע העלדען. וואס פאר גיסט בלוט פאר דער פרייהייט אמת און יושר אדיע צום שנעלכסטען ווידער זעהן מיט אייך.

דאן סאמאיל איז אויך געשטאנען אויף דער שיף מיטען פנים צום לאנד נאר זיין שווער הארץ האט פון איהם ארויס געווארפען דיא פאלגענדע ווערטער. אדיע דיא פינסטערע מרה שחורה'דיג לאנד. וואס דוא האסט מיר צו שלאגען מיין לעצטע זיסע האפנונג אדיע איך זאל דיך אייביג מער ניט אן קוקען.

---

. 5

## דאס הויז פון דאן גאספאר לופיץ האמאן

דער בערעג פונם טייך טאיא. אין צפון זייט גיט זיך אויס מיט גאנץ הויכע פראכטפאלע בערג און היגלען צווישען וועלכע עס געפונען זיך זעהר שיינע טיפע טאהלען. וואס ליגען אזוי טיף פאר שטעלט אין דיא בערג אריין. אז אפילו דיא שיפס פאסאזשירען ביים ברעג. קאנען זיי אויף קיין פאל ניט ארויס זעהן. צווישען צוויי הויכע בערג פון דיא פאריגע געבירגע. וואס זענען בעוואקסען מיט געדיכטען וואלד. ציהט זיך א גאנץ שמאהלער שליאך פונם ברעג טאיא. איבער א סך בערג און וועלדער געדרייט און געשליינגעלט. ביז אין א גרויסער פלאכער טאהל. וואס ליגט זיך גאנץ שטיל אליין צווישען דיא הויכע. ענגענדיגע היגלען און פינסטער געדיכטע וועלדליך. דיא טאהל איז זעהר שיין און איינגענעהם. און אבוואהל קיין שפאציר פלאטצע מיט בלומען בעדער איז דארט ניטא. נאר דער פאר איז זיא בעשאטען מיט געטריידע פעלדער און אכערליי גארטענווארג. און גאר אין עק. אין א ווינקעל אריין אונטער א הויכער ענגענדיגער בקאלא שטעהט זייער א שיין אנגענעהם הויז ארום גערינגעלט מיט א וועלדעלע. אין וועלכען דיא איינוואהנער פון דארט. געפונען זיך איין אנגענעהמע רוה און שטילע פרידען נאך דעם רעש און גערידער. וואס אין דער רעזידענץ שטאדט ליסאבאן.

א יאטקע פון מענשענבלוט. דיא בירגער האבען קריג געפיהרט צווישען זיך איבער דעם אויפנעמען א נייעם קעניג. ווייל פראסעטענדענטען אויף פארטוגאלישען טראהן זיינען געבליבען פיר איינקליך פון עמאנואילען יעדער האט זיך זיין פארטיע געמאכט און איינע מיט דער אנדערער איז געגאנגען אויף לעבען און טויט. איינער פון דיא פיר איז געוועהן פיליפ דער שפאנישער קעניג. (איין איינקעל פון עמאנואילס א טאכטער) און אביוואהל דאס פאלק האט פון דעם גרויזאמען גאר ניט געוואלט הערען און האט בעסער געוואלט דעם פרומען אנטאניא. נאר דיא אריסטאקראטיא מיט דער גייסטליכקייט זיינען איבער געקויפט געווארען פון פיליפען. און האבען אין איין קול געשריגען. נאר פיליפ און אזוי איז דאס שיינע לעבעדיגע ליסאבאן געווארען א היימיש שלאכט פעלד. גאספאר האט א קוק געטוהן. אז אין שטאדט איז שוין פאר איהם קיין תכלית ניט צו וואוינען און סוף כל סוף קען ער אריין אין א געפאהר. האט ער זיך גאר מישב געוועהן און האט זיך באזעטצט אין זיין פארבארגענער דאטשע אין דער פאר בארגענער טאהל וואס מיר האבען דא פריהער בעשריבען. און אזוי איז דיא שטאדט מיט איהר רעש און טימעל. אפ געשטארבען פאר איהם און ער פאר דער שטאדט. נאר וואס דען דיא אלע עמיגראציעס און שרעקען האבען אויף איהם אונבעמערקט אלץ ביסלעכווייס געווירקט. און קומענדיג אין זיין ניי אפגעזאנדערט וואוינונג. האט זיך דאס אלעס אפ גערופען. און גאספאר איז מיט יעדען טאג שוואכער און קראנקער געווארען. ביז מיר געפונען איהם יעצט געפעהרליך קראנק. זיטצענדיג אין זיין פאטעל און שפייטער מיט עטליכע מינוט איז ער אנדערימעלט געווארען.

וויא גאספאר איז נאר אנדרימעלט געווארען. האט זיך דאננא מאיר פארטיפט אין איהר אלטען שמערץ. און הייסע טרערען האבען איהר פון דיא אויגען געשלאגען דער מאנענדיג זיך אין איהר פארגאנגענהייט און פארזעהען דיא פינצטערע צוקונפט נאר פלוצעם האט זיך גאספאר אויף געכאפט און וויא ער האט בעמערקט איהר טרויריגעס געזיכט. האט ער מיט אלע קרעפטען איהר געזאגט.

ליבע מאיר! וואס איז דאס מיט דיר. וואס ווען איך קום עטוואס צו זיך בעמערק איך אלץ. אז דו ביסט זעהער טרויעריג זאג מיר ליבע פרויא וועלכעס קומערט דיך אזוי טיף אין דיין הארץ?

וואס פרעגסטו מיין טייערער גאספאר? א קארגער ווייטיג איז מיר דיין קראנקהייט?

דאס איז אמת ליבע מאיר. דיין טרייהייט צו מיר ווייס איך גאנץ גוט. נאר ניט דאס אליין איז יעצט דיין שמערץ. ענטדעק זשע מיר מיין טרייע פרויא אלעס ווארען דיין קומער איז מיר ערגער פון אלע קרענק.

א ערגער זיך ניט מיין טייערער גאספאר איך בין פערזארגט וועגען אונזער דאן סאמאיל פאלאחי. און ווירקליך וואס זאל דאס זיין. וואס זייט זיין לעצטע בריף פון מידעלבורג. מיט דער גוטער בשורה איז שוין איינינע מאנאטע. אז מען הערט פון איהם קיין שום בעריכטע ניט?

איך ווייס ניט וואס דו אונבערוהיגסט זיך אזוי מיין לעבען וועגען דעם פאלאחי? איך ווייס דען ניט. אז דו האסט איהם ניט מיט דיין גאנצען ווילען פאר שפראכען אונזער טאכטער. וואס זשע דארפסטו אזוי נייטיג א בעריכטע פון איהם.

אמת טאקע אינזער יונגע צארטע עדעלע מרים איהם אלס בעיאהרטער אונבעקאנטער מאן. אפ צו געבען איז מיר זעהער לייד. נאר וועגען אונזער אלגעמיינעם צוועק





האב איך מיך אויף אלעס בעשלאסען. און יעצט אז מיר האבען שוין געהאלטען כמעט ביים צוועק. און עס ווייזט אויס. אז דיא האפנונג איז אזוי וויא צו נישט געווארען. אוודאי טוהט דאס מיר הארציג באנק.

יא וואס הערט זיך עפיס אין ליסאבאן? האט דער קראנקער אפרעג געטוהן.

וואס געהט דיך אן. ליבער גאספאר דיא רעזידענץ מיט איהרע אינטריגעס? האט מאיר געזאגט דא זענען מיר גאט זיי דאנק פאר זיכערט פון אלע שלעכטס צו פאהרען. זאגענדיג דיא ווערטער האט זיא זיך דאך ניט געקענט איין האלטען. און האט זעהער א טיפען זיפץ געטאהן.

דו פאר בארגסט ווייטער פון מיר דיין און רוהיגקייט? האט גאספאר געזאגט.

וואס זאל איך דיר דער צעהלען. מיין ליבער מאן וואס אין ליסאבאן געהט פאהר. פיליפ דער טיראן. שטייט שוין מיט זיין ארמעע אויף פארטוגאלישער גרענעץ און אט היינט מארגען וועט ער אנפאהלען וויא א טיגער אויפען לאנד. און ווער וועט זיך אקעגען דעם טיראן שטעלען? דאריבער גאאר איך דאך אזוי א בעריכטע פון אונזער פאלאחין.

איי ליבע מאיר. האט גאספאר געזאגט גלייב מיר. אז נאר דיין לוסט צוא עמיגרירען אין א פריי לאנד. וויא מען זאל קענען פרייע עפענטליכע יודען ווערען. א דאס שטעלט דיר שטענדיג פאר פאלשע שרעק בילדער פאר דיינע אויגען. און צום אמת איז דאס נאר איין אנבילדונג. ווארען גלייב מיר אונזער אנטאניא האט אויך אונגעהאר פילע אנהענגער אינם פאלק. און זיין האפנונג איז נאך אויך ניט פאר לארען און ווען פיליפ אפילו זאל שוין טאקע ארויף אויפען טראהן. נא האט ער מער ניט אין זינען נאר אונז צו פערפאלגען? ובפרט ער האט אן אונז שוין געוויס לאנג פערגעסען.

הלוואי גאספאר פון דיין מויל אין גאטס אויערען אריין.

אזוי רעדענדיג איז זייער טאכטער מרים נאנעס אריין געקומען צו זייא מיט א בריף אין דער האנד. מיט דיא ווערטער. דיא בריף האט קאראלו געבראכט פונם שטאדט. און ער זאגט אז היינט וועט עמאנואיל אויך קומען.

דיא בריף זאגט מאיר. איבער לעזענד דעם אדרעס איז פון אונזער דאן סאמאיל פאלאחי. הערשט פינף טאג פון אפארטא. וויא פאלאחי קומט קיין אפארטא. און פאר וואס איז ער אהער ניט געקומען? דאס פארשטעה איך ניט.

א נוא לעז נאר מאיר. דיא בריף האט גאספאר געזאגט מיט א האלבען חשק. מאיר האט גיעפענט דיא בריף און לעזט.

מיינע ליבע אונד געליבטע!

וואונדערט אייך ניט וואס איך בין זיך פערזענליך ניט געקומען מיט אייך זעהן אין מידעלבורג האב איך שוין געהאלטען גאר ביים ערדייכען אונזער צוועק. נאר אין איין מינוט איז מיין האפנונג צו שלאגען געווארען אויף בראך און איך בין פון דארט מיט הארץ ווייטיג אוועק קיין אמסטערדאם. און פון אמסטערדאם מיט דער שיף צו פאהרען קיין ליסאבאן. נאר אויפען וועג איז געווארען א שרעקליכער שטורם אין דער מיט אטלאנטישען מער און א חודש כסדר. דאס עס מיט אונזער שיף געווארפען וויא א כאאטש פון איינער צו איינער. און אונזער לעבען איז טויזענטער באהל געוועהן ביים טויט אין דיא הענד. ביז ענדליך אין דריי חדשים ארום האבען מיר זיך קאם מיט פערצווייפעלטען מסירות נפש. צו געשלאגען קיין אפארטא. יעצט

מוז איך באלד אפרייזען קיין מאראקא צו מיין גנעדיגען כולטאן אפ צו געבען חשבון פון מיין רייזע. און פון דארט וועל איך וויא אם שנעלסטען קומען צו אייך קיין ליסאבאן און וועל ביי אייך בעטען דיא האנד פון אייער טהייערער מרים נונעס. און וועלכער איך דיינק טאג און נאכט און מיין לעבען איז אין איהר בעהאנגען. און איך פערהאף. אז זיא וועט מיר געוויס ניט ענטזאגען איהר ליבע. און וועט מיט מיר פאהרען אין מיין פעטען פראכטפאלען פאטער לאנד מאראקא. אויף צו פיהרן מיט מיר איין אייביגעס גליקליך זיס לעבען.

אייער טיראדא האט מיר טריי געדינט דיא גאנצע צייט. נאר זיין כאראקטע קאן איך ניט קלערען. עפיס איז ער אלץ תמיד צו געהאלטען און פערבארגען. און קיין איבריגווארט איז פון איהם ניט ארויס צו קריגען. ער האט מיר א בריף געבראכט פונם ארראגיער פרינץ. נאר וויא אזוי ער האט בעקומען דעם בריף. איז איהם עפיס וויא ניט אנגעשטאנען מיר צו זאגען. און בכלל פלעגט ער דיא גאנצע צייט זיך אלץ פערשווינדען ווערען פון מיר. און קיין איינציג ווארט מיר ניט זאגען וועגען זיינע טיינע געשעפטען. ענדליך פאהרענדיג מיט מיר פון אמסטערדאם. איז ער ביים אנפאנג שטורם פערשווינדען געווארען און איז וויא אין וואסער אריין איך האב געפרעגט געזוכט געפארשט ביים קאפיטאן און ביי דיא מאטראסען און פאסאזשירען. און קיינער האט מיר וועגען איהם קיין שום בעריכטע ניט געקאנט געבען. עס קען זיין אז ער איז חלילה בעת שטורם דער טרונקען געווארען. אוודאי טוהט עס מיר זייער לייד. נאר גאט ווייסט אז איך בין ריין פון איהם. איך קוש אייך דיא הענד און איבער הויפט דער טהייערער מרים נונעס און פערבלייב אייער עוויגער הערצענפריינד.

דאן סאמאיל פאלאחי.

אפ לעזענדיג דיא בריף האט דאננא מאיר א זיפץ געטוהן פון איהר טיפען הערצען און מיט האלב וויינענדיגער שטימע האט זיא צו איהר מאן געזאגט. ניטא יאקאוו א אונזער לעצטע שטיצע איז אויך פערלוירען. דיא צארטע מרים הערענדיג איהר מוטערס וויינענדיגע ווערטער. האט זיא מיט העכסט קינדערשען אונשולד א פרעג געטוהן. ווער איז דער יאקאוו. איז דאס ניט אפשר דער שיינער יונגער מענטש מיט דיא שווארץ בליצענדע אויגען און מיט לאנגע געקרייזעלטע שווארצע האר. וואס איז ביי אונז אין שטוב איינמאל געווען פאר דאן סאמאיל'ס אפ רייזען? א מיר איז אויך זעהער באנק. אויב ער איז דער טרינקען געווארען. נאר זאגט מיר ליבע מוטער וואס לייגט איהר זיך אזוי אוועק וועגען איהם?

דאס איז טהייערע טאכטער אונזערער א סוד. וועלכען מיר קאנען דיר נאך יעצט ניט ענטדעקען! נאר זאג מיר מיין טהייערע. דוא ביסט געפאסט צו געהען פארען הער פאלאחי נאך מאראקא?

פערצייעט מיר טרייע עלטערען. האט מרים מיט צוויא פאר שעהמטע רויזען באקען און אראפ געלאזט ברייטען געזאגט פערצייעט מיר אז איך וועל אייך זאגען ניין. פאר זיין הבטחה וואס ער האט אונז פערשפראכען. אז ער וועט פיר אונז און פיר פילע אנדערע אונגליקליכע ברודער געפונען א פריי ארט ערגעץ אין אייראפא. וויא מיר זאלען עפענטליך קאנען וויא פאלקאמענע יודען דינען דעם לעבעדיגען גאט בין איך פערטיג געוועהן צו אפפערען בעדיי מיט זיך אהן ווילען גערען. אבער קאם האט זיך זיין הבטחה אויס געלאזט צו נישט. צו וואס זשע זאל איך טוהען א זאך וואס געגען מיין ווילען. ובפרט נאך אליין אהן אייך געהען אין פרעמד ווילד אפריקאניש





לאנד. וויא העט איהר אליין ווילט אויך אויף קיין פאל ניט געהען? נין ליבע עלטערען דאס דארפט איהר גאר ניט פאדערען פון מיר!

חלילה! האט דאננא מאיר א געשריי געטוהן. מיט ווארעמע מוטערליכע געפיהלע. דיך צורעדען צו איינער זאכע. צו וועלכער דוא האסט קיין חשק ניט ראז זיך פאלאחי געזונדטערהייט זיטצען אין מאראקא. און אונז וועט מן הסתם דער לעבעדיגער גאט אויף ווייזען עפיס א וועג. וויא ארום פון אונזער אונגליקליכער לאגע זיך אויס צו דרייען!

יא האט מרים מיט הייסע טרערען אוים געוועהנט. דער ליבער גאט קאן העלפען און וואלט אונז געוויס ארויס געהאלפען פון אונזערע נויטען. נאר ווען זשע?.. א טהייערע עלטערען פערצייעט אייער אונשולדיג. נידערגעשלאגענעם קינד אויף איהרע ווערטער געגען אייך. מיט [illegible] האבען מיר דען פערדינט ביי גאט זיינע הויכע גנאדען צו אונז? אז דאס גאנ[illegible] עבען שפילען מיר א צוויי פנים'דיגע פאלשע ראלע געגען איהם. מיר ווייסען ביי [illegible] דעם גרויסען פאר ברעך. וואס מיר טוהען געגען גאט. און דאך האלטען מיר זיך אין איהם און מיר מיינען אפ נארען גאט. גוואלד וואס ליגען מיר דען דא אין דעם וויכטען זינדיגען לאנד? נאר צו ליב אונזערע מאטריאלישע פערגניגען. און וועגען אונזערע מאטעריאלישע אינטערעסען האבען מיר זיך גאר קארג וואס בעשעפטיגט. פארן כבוד געלט און רוהיג לעבען האבען מיר געזארגט. און דער היילליגער גלויבען. רעליגיע אונ יודענטהום. איז אונז אפילו אין זינען ניט געלעגען.

נא. מיט וואס זשע פאר א רעכט קאנען מיר פערלאנגען הילף פון דעם. וואס מיר האבען ביז אהער לחלוטין ניט אין זינען געהאט?

דיא פייערינע עטליכע ווערטער. האבען דעם קראנקען גאספארען וויא מיט טויזענד דאננערען דער שלאגען. ער איז וויא א קנאפ געפאלען אין פאטער. און איז הקשות געבליבען. דאננא מאיר ווידער פון איהר זייט איז פאר פריידען געפיהלע געוועהן הערענדיג פון איהר זעכצען יאהריגער טאכטער. אזעלכע ערהאבענע ווערטער מיט אזא הייכער געפיהלע צו איהר פאלק און צום יודישען גלויבען. ווערטער וועלכע זיא אליין האלט זיי שוין צעהנדליגער יאהרען אין איהר פעווינדעטען הערץ און האט זייא נאך ביז יעצט פאר קיינעם ניט ארויס געגעבען. נאר וויא זיא האט אבער בעמערקט. אז איהר קראנקער מאן הלושט. איז זיא מיט א פלאטערניש צו געלאפען און האט איהם אנגעהויבען מינטערען. און טאקע דיא מינוט האט זיא פון איהם געהערט דיא ווערטער. „בערוהיג זיך מיין טהייערע פרויא עס איז מיר שוין א סך לייכטער געווארען".

---

. 6

# גאספארס זוהן עמאנואיל

אך וויא פריידט מיך. אייך צו זעהען אלע דריי אינאיינעם האט אויס געשריגען איין אכצעהן יאהריגער שיינער יונגער מאן. דער בן יחיד פון גאספאר און דאננא מאיר. עמאנואיל אריין קומענדיג פריצים אין שטוב אריין. וויכטיגע נייעסען האב איך

איך געבראכט פון דער רעזידענץ שטאט. וויכטיג איבער הויפט פאר איך מיינע ליבע עלטערן. אלע האבען זיך ווי פון א טיפען שלאף ערוואכט. און האבען אויף געשטעלט מויל און אויערן און עמאנואיל האט פארט געזעצט.

געכטען באנאכט איז אנטאניא ארויף אויף פארטוגאלישען טראהן; און מאקע באנאכט האבען איהם די גווארדיא. די אדמיניסטראציאן און די גארניזאנען געשווארען אויף טרייער דינסט. נאר די פירכטען די אריסטאקראטיע און די אלע גייסטליכע פון ליסאבאן. זיינען טאקע ביי נאכט אנטלאפען פון דער שטאדט ארויס. צום טאג איז דאס גאנצע ליסאבאנער פאלק געקומען צום דווארעץ. און ווי דער קעניג אנטאניא האט זיך נאר געוויזען פאר זיי אויפען באלקאן. האבען זיי אלע אין איין דאננער שטימע אויס געשריגען אורא. עס לעבע וואהל דער קעניג אנטאניא און מיט פריידען געפיהלע האבען זיי איהם אלע צו געשווארען טרייהייט. באלד נאכדעם האט אנטאניא צו שיקט מאניפעסטען איבער גאנץ פארטוגאל וועגען זיין טראהן בעשטייגונג. און פובליקאציעס צום פאלק זיי זאלען זיך מאביליזירען אין איינער ארמעע. און זיך שטעלען געגען פהיליפ'ס חיל. וואס וויל מיט אונרעכט און בעטריג צו נעמען די מלוכה. וואס זאל איך אייך דערצעהלען מיינע ליבע עלטערן. די גאנצע יוגענד אין פאלק. איז בעגייסטערט מיט העלדענטהום און פערטיג זיך צו שלאגען פארן קעניג און פארן פאטער לאנד ביז אין לעצטען טראפען בלוט. די הארטינאלען זיינען אפען און אלע קומען זיך פערשרייבען און נעמען געוועהר. מיט איינעם ווארט עס איז דא א גרויסער שאנס. אז אין איניגע טעג זאל זיך מאביליזירען א גאנץ היבשע ארמעע.

נא און דוא מיין זוהן. האט דאננא מאיר א פרעג געטוהן עמאנואילען האסט זיך געזעהען מיט אנטאניא'ן?

א פראגע גאנץ פריא. ווי איך בין צו געקומען צום דווארעץ. האט ער מיך געלאזט רופען. און מיט פאטערליכע ליבע האט ער מיך אויפגענומען מיט די ווערטער. איך בין פערזיכערט אז דוא און דיינע קאמעראדען. מענדעס. מעדיירעס. בילמאנטי. די פינטו. ראבאטום און די איבריגע. וועט מיר געוויס אין מיינע נויטען שטעהען. און איהר וועט געוויס שטרייטען פאר דעם לאנד. וועלכעס האט איך מיט ליבע אריין גענומען אין זיין שוטץ. איך האב דאס איהם פעסט פארזיכערט און האב איהם דארויף מיין היילינגע שבועה געגעבען.

גאספאר און דאננא מאיר זענען פאר ציטערט געווארען. נאר מרים'ן האבען די ווערטער דער קוויקט אין אלע גלידער. אז איהר ברודער וויל נקמה נעמען פון פהיליפ'ן איהר בלוט פיינד פון איהר פאלק. עמאנואיל. ניט בעמערקענד דעם שלעכטען איינדרוק. וואס ער האט אויף די עלטערן געמאכט. האט אויס געלאזט זיין ערצעהלונג מיט די ווערטער. יעצט ליבע טרייע עלטערן בין איך נאר געקומען אייער ברכה צו נעמען פון אייך פאר מיין געהען אין דער מלחמה אריין.

גאספאר האט דעם זוהן שטארקע פאר ווירפע געמאכט. פאר זיין לייכטזיניגקייט וואס ער וויל זיך אפפערען אומזונסט. אהן א שום נוטצען צו ברענגען דער מיט. און אפשר נאך דעם גרעכטען אונגליק אויף זיי אלע אנשיקען פון דעם טיראנישען פהיליפ נאר עמאנואיל. נאך איניגע מינוטען פערצווייפלונג. האט געעפענט דאס מויל מיט פייערליכער געפיהלע און האט געזאגט.

ווי זשע דען טהייערער פאטער. נאך דיין מיינונג? זאלען מיר דעם טיראן גאר אהן א טראפען בלוט עפענען די טויערען פון פארטוגאל. אום ער זאל עס





נאך דעם מארטירען מיט זיינע מערדערישע אינקוויזיטארען? איהר ווייסט דען ניט. אז קאם פאר טרייט פהיליפ אויפען פארטוגאלישען טראהן. זיינען מיר פערלוירען? פארטוגאל האט דאך אונז מאראנען. פארט אויף גענומען אונטער איהר שוטץ שוין וויפעל יאהרען. נא זאלען מיר שטעהען פאר לייגט די הענד אין איהר ערגסטער קריטישער לאגע? א ליבער פאטער. אז דער גרויסער קדוש השם פון אונזערע היילינגע מארטירטע עלטערן אין דער אינקוויזיציאן וועגען זייער גלויבען און רעליגיאן האבען אונז לאכטזיניגע צוויי פנים'דיגע אייניקליך שוין יא ערוועקט צו דער היילינגער געפיהלע פון מסירות נפש אויף קדוש השם וואלסטו מיר שטערען די היילינגע אידעע. פאטער אנטאניא איז ביי זיין גאנצען פאנאטישען קאטאליציזם. א מענטש מיט א הומאנע הערץ און מיט געפיהלע פון רחמנות. ער האט מיר נעכטען די ווערטער געזאגט.

עמאנואיל אויף גלויבען און רעליגיאן איז דא א ריכטער אין הימעל. היינט אז דער גרויסער אלמעכטיגער ריכטער האט רחמנות אויף זיין מינדעסט באשעפעניש. ווי זשע וואגט איין מענטש דעם אנדערען צו משפט'ן איבער גאטס זאכען? אלזא עמאנואיל. זאג איך דיר אז קאם בלייב איך פעסט אויף פארטוגאלער טראהן. ווער איך פון מיין לאנד א גן עדן מאכען פאר אלע נאציעס און גלויבענס אין דער וועלט. דאס זיינען דעם קעניג אנטאניא'ס ווערטער און ער וועט זיי געוויס מקיים זיין. נוא ווי זשע זאלען מיר נאך דעם אלעמען ניט אפפערען מיט אונזער לייב און לעבען צו רעטען די פרייהייט און די ווארהייט פונם טיראנישען שקר ארויס.

גאספאר האט גוט אויס געהערט עמאנואילס רירענדע רייד. און מיט א טיפען זיפץ האט ער איהם געזאגט. ביסט אודאי זעהער גירעכט מיין ליב קינד. און אלוואי וואלט דאס גאנצע פארטוגאלישע פאלק געוועהן מיט דיין מיינונג אבער דעם הויכען פראמען מענשענליבליכען אנטאניא. נאר ווער ווייסט עס נאך מעהר ווי דוא. אז טאקע נאר איבער אנטאניא'ס עדלע געפיהלען האסען איהם די פירסטען מיט די גייסטליכע. און פהיליפען. פאר זיינע טיראנישע דעספאטישע טאהטען האבען זיי ליב. נוא וואס וועלען אויס פיהרען דאס ביסעל ערענטליכע אמת'ע מענטשען אקעגען דער מאססא פאלשקייט און עגאיזם? איי דאס פאלק? גלייב מיר מיין קינד. דאס פראסטע פאלק וועט זיך נאר בריה'ן אויפען מויל ביז דער בעשלאסענער מינוט. און קאם וועט עס דער הערען א שאס. וועט זיך עס צו געהען ווי זאלץ אין וואסער. און טאקע נאר איהר עמליכע עדעלע יונגע לייט וועט זיין דאס אומזיסטיגע כפרה הינדעל.

אויף די פראקטישע ווערטער האט שוין עמאנואיל גאר קיין אנטווארט ניט געהאט. נאר דאננא מאיר האט איהם א ביסעל ארויס געפיהרט פון זיין פערצווייפעלטען צו שטאנד. מיט די ווערטער. זאג זשע מיר ליבער גאספאר זאל אנטאניא נאך דיין מיינונג איבער געבען זיין ליב'עס פאטער לאנד דעם טיראן אין די האנד אריין. און זאל זיך גאר ניט פריווען אפילו אקעגען צו שטעלען? דאס וועט ערענטליך זיין דאס וועט שוין זיין פון זיין זייט. דארף ער זשע דען ניט חאטש דעם ערשטען שלאכט פיהרען. אום חאטש יוצא זיין געגען דער היילינגער פליכטע פון פאטער לאנד. און נאך פון זיינע עלטערענס פאטער לאנד? און קאם ער דארף דאס טוהן און מוז דאס טוהן. און ער זוכט זיך דער היגען הילפע פון אונזער זוהן מיט זיינע קאמעראדען זאל עס איהם עמאנואיל אפ זאגען? הא? מיר דאכט דאס איז געוויס קיין יושר ניט. עמאנואיל איז מיר געוויס אזוי ליב און טהייער ווי דיר. נאר דאס וואס ער מוז טוהן. דאס קאן איך איהם אויף קיין פאל ניט שטערען.

גאספאר סיי וסיי זיינען מיר פערפאלען. ביי פהיליפען שטעהען מיר די ערשטע אויפען אטשערעד צום פאר ברענען. אלזא איז נאך מיין מיינונג א סך גלייכער שענער אונ ארענטליכער צו שטארבען דעם ערגסטען העלדען טויט. איידער וויא שטימע שאף געקוילעט ווערען פון פהיליפ'ס תלינים.

גאספארען האבען מאיר'ס ווערטער שטארק גערירט. אונ נאך איינינע מינוט שווייגען האט ער א ווינק געטוהן עמאנואילען. ער זאל צו געהען צו איהם. עמאנואיל איז מיט א געוויין געפאלען דעם פאטער אין די ציטערענדע ארעם. אונ פון גרויס ליבע אונ רחמנות איז ער געפאלען איהם צו די פיס.

גאספאר האט איהם ארויף געצויגט זיינע אויס געצערטע הענד אויפען קאפ אונ האט איהם מיט הייס ברענענדיגע טרערען געזאגט. דוא געהסט אין דער מלחמה. נאר שווער מיר צו מיין קינד. אז אין אלע דיינע נויטען. אינם גרעסטען קריגם פייער זאלסטו ניט פאר געסען דיין עדלע טהייערע מוטער מיט דיין צארטער אונשולדיגער שוועסטער. דוא זעהסט מיין ליב קינד. אז איך בין שוין נאר א שאטן נאך איין בלויז איז איין עק פון מיר. אונ נאר דוא בלייבסט זייער פאטער זייער שוטצער. זייער טרייסט אונ זייער רעטער. געה מיין קינד שטרייטען וויא א העלד פאר דער הייליגער אמונה. פאר דער תורה פאר דיין אונגליקליך פאלק. פאר דיינע עלטערען אונ פאר דיין פאטער לאנד. נאר ווארף זיך ניט אין פייער אריין. ווען דיין טויט וועט קיין נוטצען ניט ברענגען קיינעם. געדענק דיין פרומע מוטער אונ שוועסטער אונ זעה זאלסט לעבען פון זייערעט וועגען.

עמאנואיל איז נאך אלץ כמעט וויא חלשות געלעגען צום פאטער'ס פוס. ביז דאננא מאיר האט איהם אויך מיט בלוטיגע מוטער טרערען געבענטשט. אונ אויפ' הייבענדיג איהם פון דער ערד. האט זיא איהם געזאגט געה מיין ליב קינד לאז זיך דער פאטער אביסעל אפ רוהען. אונ באלד האט מרים געהאפט עמנואילען אונטער די ארעם אונ זיינען ביידע ארויס געגאנגען פון דער שטוב. אונ דאננא מאיר האט זיך געהאפט מינטערען גאספארען פון זיין חלושע'ען.

---

## 7.

# דער קעניג מיט זיינע גלידגעשוועסטער־קינדער

נאכפארס ווערטער זיינען מקוים געווארען. פון דער גאנצער פאלקס מאביליזאציא האבען זיך קאם דריי אבער פיר טויזענד מאן פון די יונגע לייט געאפפערט צום שלאכט פיר אנטאניא'ן. אמת דאס ביסעל מעליטער האט זיך העלדיש געשלאגען מיט מסירות נפש פארן פאטער לאנד. נאר איין שוואכע קאן פירט קיין זומער ניט מאכען אונ וואס האט געקאנט מאכען אזא זשמעלקי מענטשען א קייגען אזא אונגעהייער גרויסער ארמעע וויא פהיליפס? צוואי זיינען העבער האלב געפאלען אין שלאכט אונ די איבריגע זיינען פערוואונדעט געווארען אונ אין פלען אריין געפאלען. אונ דער וועג קיין ליסאבאן איז פראנק אונ פריי געווארען פאר דעם שפאנישען מעליטער. נאר פהיליפ האט נאך ניט געהייסען דעם חיל אריין מרייען קיין ליסאבאן. ביז ער וועט ניט וויסען וויא ער האלט מיט פארטוגאלישען פאלק. אונ דאריבער האט ער די





ארמעע געלאזט שטעהען אויף ליסאבאנער גרענעץ. אונ האט דער וויל צו שיקט גארניזאנען אין אלע פארטוגאלישער פראווינצען. מען זאל ביסליכווייס אנצוימען דאס פאלק. אונ דער נאך זאל ער עפענטליך. מיט טרויםפף זיך קומען קריינען אין ליסאבאן. די פינסטערע בשורה פונם שפאנישען נצחון איז אן געקומען אין דער רעזידענץ. אונ פון דארט איז דאס בסוד אן געקומען אין דעם פאר בארגענעם טאהל צו גאספארס פאמיליע.

די זון איז שוין מיט איהר א האלבען געזיכט געשטאנען פון יענער זייט גאריזאנט אונ נאר די שפיץ ביימער האבען זיך נאך בעלייכטעט פון איהרע לעצטע גאלדענע שטראהלען. באלד האט די נאכט צו שפרייט איהרע שווארצע פליגעל אונ האט בעדעקט די וועלט. א קליין ווינטעל האט קאם בעוועגט די בלעטליך אויף די ביימער אונ אלעס אין דעם פאר בארגענעם טאהל האט פערשטימט וויא דער טויט נאר איין דאננא מאיר ראררינעם איז געשטאנען אין פענסטער מיט אויס געגלאצטע אויגען צום הימעל אונ אין איהר פערוואונדעטע הארץ האט עס גערוישט וויא חואלים אין ים. איהרע געדאנקען זיינען איבער געפלויגען פון שרעק אין שרעק פון זארג אין זארג. וואס טוהט זיך מיט איהר ליבען עמאנואילען? איז ער אין פלען געפאלען. צו פערוואונדעט געווארען. צו אפשר גאר געשטארבען? קאראל וואס איז מיט איהם מיט געגאנגען אין מלחמה אריין. איז נאך ניטא וואזשע זאל דאס בעטייטען? וואס ערווארטעט איהר הויז. אז די שפאניער וועלען אריין קיין ליסאבאן? וואס וועלען די מערדער טוהן מיט איהר אלטען קראנקען מאן. אונ וואס וועט זיין מיט איהר שיינער טאכטער מרים נונעס?

גאספאר זייט די טאכטער זאט איהם איהר פאר ווירף געמאכט וועגען זיין גלייכגילטיגקייט צו זיין גלויבען. אונ זייט עמאנואיל איז אוועק געגאנגען אין שלאכט איז אלע מאהל געפעהרליכער געווארען. אונ פון זיינע שרעקליכע פארשטעלונגען האט ער בעקומען אפטע ספאזמעס פון קאנוואולסיא אין וועלכע ער פלעג מיט א שרעקליכער שטימע אלץ שרייען. אז די אינקוויזיטארען האפען איהם. טאקען איהם. משפטן אונ ברענען איהם. די אלע שרעקליכע אומשטאנדע האבע צורשמעטערט דאננא מאיר'ס לאנג פערוואונדעטע הארץ. אונ מיט די אלע פערצווייפעלטע שרעקליכע געדאנקען האט זיא געקוקט אין פענסטער אין דער טיפער ווייטער פינסטערער נאכט.

פלוצים בעמערקט זיא. וואס עס איז עפים וויא דורך געלאפען ביים פענסטער מאמענטאנע האט זיא אונגעהאפט א גרויל. נאר באלד האט זיא זיך געשטארקט אונ האט אן געצינדען א ליכט אין שטוב. אונ טאקע אין דער מינוט עפענט זיך די טיר אונ א יונגער מאן אין מאטראפען קליידער איז אין צימער אריין.

ווער ביסטו? האט דאננא מאיר מיט א פראפעריש א פרעג געטוהן. אונ וואס דארפסטו דא ביי אונז? נישט אנטווארענד האט דער יונגער מאן אראפ געווארפען זיין הוט. אונ האט זיך געשטעלט געגען דאננא מאיר. אין די אויגען דאננא מאיר קוקענד אויף איהם האט פלוצים מיט פריידען שרעק א געשריי געטוהן. טיראדא דוא ביסט דא טיראדא פון וואנען צו וואס? וויא האסטו אזוי אנגעשטעלט דיין לעבען צו קומען אהער אין אזא געפעהרליכער צייט אונ אין אזא לאנד. וויא אלע קאנען דיך אונ לאזערען אויף דיין לעבען?

איך קום פון ליסאבאן. איך האב פירט צונויף גענומען מיין רעשטעל א נגליקליכע ברודער פון די געקליבענע ארענטליכסטע הארטטערען העלדישע דייטשע פאמיליען. אונ וויא איך האב געוויאגט קומען אין דעם לאנד. דאס איז